STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07407

FAR ALT-NAYE HISHAYVISN

I. Vainshenker

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-07407-1

9780657074074T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

איציק ווינשענקער

פאר אלט - נייע התחיבותן

פארלאג „זריעה"

מאנטעווידעא
1948

IMPRESO EN EL URUGUAY
PRINTED IN URUGUAY

COPYRIGHT BY
ISAAC VAINSENCHER
Charrúa 2243/4
Montevideo

ITZIK VAINSHENKER
ANTE DEBERES INELUDIBLES
MONTEVIDEO
1948

פֿאַר מיין פֿלימעניקל
צבי בן שמואל ווײַנשענקער
און זײַנס ־ גלײַכן —
אַמעריקאַנער ייִדישע קינדער.

פֿאַר אַלט-נייע התחיבותן

די קולטור־שעפֿערישע און קולטור־פֿאַרשפּרייטערישע התחיבותן פֿאַר וועלכע מיר שטייען היינט, זיינען זייער אַלט לויט זייער מהות, לויט זייער תוך.

ניי זיינען זיי אָבער לויט די באַדינגונגען ביי וועלכע זיי ווערן פֿאַר אונדז אַוועקגעשטעלט און לויט די מיטלען מיט וועלכע עס קומט אונדז אויס זיי צו דערפֿילן.

די דאָזיקע באַדינגונגען און מיטלען ענדערן אומאויפֿהערלעך זייערע פֿאָרמען אין גאַנג פֿון דורות און זיינען שטענדיק אָפּהענגיק פֿון געזעל־שאַפֿטלעך ־ ווירקנדיקע כוחות, פֿון ספּעציפֿישקייט פֿון דער געגעבענער צייט און סביבה.

אַזוי איז עס געווען אין אַלע צייטן ביי אַלע אומות העולם.

און אויב דאָס איז אַזוי ביי אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט, איז עס אַוודאי אַזוי ביים יידישן פֿאָלק — אַ פֿאָלק וואָס 1878 יאָר ספּעציפֿישע געשיכטע האָבן עס צעשניטן אויף צענדליקער קיבוצים־אברים; יעדער קיבוץ־אבר איז אונטערגעוואָרפֿן די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון לאַנד און פֿאָלק, צווישן וועלכן אים קומט אויס צו פֿירן זיין לעבן און פֿון אים פּאָזיטיוו אָדער נעגאַטיוו באַווירקט צו ווערן.

אַזוי אַז רעדן וועגן יידישע קולטור־פּראָבלעמען, אורוגווייאיש־יידישע, וועלכע זענען דאָך ווי מיט אַ נאָפּל־שנור צוגעבונדן צו די אַלוועלט־לעך־יידישע קולטור־פּראָבלעמען — איז אוממעגלעך עס צו טון אויף אַן אי־זאָלירטן אופֿן, אַרויסלאָזנדיק פֿון אויג זייער ענגע שייכות מיטן רעאַלן אַרום, ריכטיקער: מיט צענדליקער רעאַלע אַרומען אויף דער גאַנצער וועלט און... זינט העט־ווייטע געשיכטלעכע צוריקן.

לאָמיר אָנהייבן פֿון זיך:

בײַ יעדן מחוץ־לאורוגווייאישן ייִדן, וואָס האָט געהערט וועגן אונדזער ישוב, שטעלט זיך אַ פֿראַגע: „ווי אַזוי איז עס מיגלעך, אַז אין אַזאַ לאַנד ווי אורוגוויי, וואָס שמ׳ט אַף אונדזער גאַנצן פּלאַנעט מיט זײַן ליבעראַלקייט, מיט זײַן דעמאָקראַטישקייט, מיט זײַן טאָלעראַנץ און בירגערלעך־פּאָליטישער רײַפֿקייט און דערצויגנקייט, וואָס איז שוין אַזש געוואָרן טראַדיציע און מיט זײַן הויכן קולטור־ניוואָ — אַז דווקא אין אָט דעם אורוגוויי זאָל דער ייִדישער ישוב זײַן דער צעשפּליטערטסטער, דער אומטאָלעראַנטסטער, דער אומדיסציפּלינירטסטער, דער מחלוקת׳דיקסטער און דער אָרימסטער, ווען מען רעדט פֿון קולטורעלן אויסדרוק?"

ביז הײַנט האָבן מיר געפֿונען דערצו נאָר איין ענטפֿער:

—אורוגווייער ייִדן האָבן איבערגענומען פֿון פֿרײַען לאַנד די געוווינטקייט צו זאָגן אָפֿן אַלץ וואָס זיי טראַכטן, צו קריטיקירן, אַרונטערצורײַסן, נישט צו שוינען די וואָס פֿאַרדינען נישט געשוינט צו ווערן. אורוגווייער ייִדן האָבן זיך צוגעוווינט צו פֿילן פֿרײַ, צו רעדן פֿרײַ און צו האַנדלען פֿרײַ, אַזוי ווי אַלע אורוגווייער בכלל.

אָבער איין זאַך האָבן די אורוגווייער ייִדן נישט געקענט „איבערנעמען" פֿון די אורוגווייער: זייער טעריטאָריעל־מלוכה׳שע צעמענטירטקייט.

און דערפֿאַר זעט מען אַזוי:

ווען אורוגווייער האָבן פֿאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם אורוגווייאישן שול־וועזן, למשל, גייען די רעפּרעזענטאַנטן פֿון די פֿאַרשיידענע ריכטונגען אין דעם זעלביקן פּאַרלאַמענט אַרײַן און קעמפֿן דאָרט, יעדער איינער פֿאַר זײַן שטאַנדפּונקט, פֿאַר זײַן אמת. אָבער דערווײַל שיקן זיי אַלע זייערע קינדער אין דער זעלבער שול אַרײַן, וועלכע יעדער איינער פֿון זיי האָפֿט מיט דעמאָקראַטישע מיטלען מיט דער צײַט צו קענען איבערבויען לויט זײַנע אייגענע אידעאָלאָגישע איבערצײַגונגען.

אָבער ווען אורוגווייער ייִדן האָבן פֿאַרשידענע מיינונגען וועגן דעם ווי אַזוי און וואָס מען דאַרף לערנען זייערע קינדער אין ייִדישע שולן, בויען זיי נישט אויס קיין א י י ן ייִדישע שול און זוכן זי נישט צו געשטאַלטיקן יעדער איינער לויט זײַן געוויסן נאָך און צו פֿאַרטיידיקן יעדער איינער זײַן שטאַנדפּונקט אַף איין און איינציקער פּלאַטפֿאָרמע — לאָמיר זאָגן, אַ געזונטע קהילה, — נייערט יעדע גרופּע ייִדן

נעמט בויען פאר זיך אליין א שול; רעדט זיך איין, אז דאס וועט זיין די שול פון ישוב און וואס עס טוט זיך פון יענער זייט פון איר מויערל — גייט זי אן אזוי פיל, אדער נאך ווינציקער ווי אן ערד־ציטערניש אין מאדאגאסקאר; און אמאל געשעט נאך „העכערס": ביז א ייד וועט נישט האבן אזא שול ווי ער פארשטייט — טוט ער אפ דער וועלט און שיקט זיין קינד אין גאנצן נישט אין קיין יידישער שול... דערפאר האט דער גאנצער ישוב אזא פנים מיט זיין שול־וועזן, מיט זיין קולטור־ניווא און מיט זיינע קולטור־אינסטיטוציעס, וואס זיינען שטענדיק אנעמיש, האלטן זיך אף הינערישע פיסלעך און מוזן אלע מאל אנקומען צו פרישע חלשות־טראפנס.

פאר וואס געשעט דאס?

נאך אמאל: דערפאר ווייל אורוגווייער יידן זענען פריי זיך צו צעלויפן פונקט ווי די אורוגווייער, אבער זיי זענען נישט געבונדן ווי די אורוגווייער צו איין טעריטאריעל־מלוכהשן איינס, פון וועלכן מען קען נישט ארויס, פונקט ווי מע קען נישט ארויס פון דער אייגענער הויט און זיי האבן אויך נישט, די אורוגווייער יידן, קיין צענטראלע אינסטאנץ וואס זאל איבערפארטייאיש קאארדינירן זייער קולטורעלן אויסלעב־דראנג.

א צווייטער ביישפיל:

פארשידענע אורוגווייער קענען האבן און האבן טאקע פארשידענערליי מיינונגען וועגן דער ראל און באדייט פון ארטיגאסעס קאמף אף דער אלגעמיינער קאנווע פון די דרום־אמעריקאנישע קאמפן פאר אומאפהענגיקייט. זיי האבן אבער איין און איינציקן טאג אין יאר, א יום־טוב פון באפרייונג, זייער יום־טוב פסח, און אין אט דעם טאג, אבער טאקע בלויז אין דעם איינעם טאג, פירן אלע אורוגווייער דורך איין און איינציקע גרויסע מאניפעסטאציע אף די שענצטע גאסן פון זייער הויפטשטאט; אין דער דאזיקער מאניפעסטאציע באטייליקן זיך אלע שול־קינדער, אומאפגעזען פון זייערע עלטערנס פאליטישער באפארבונג; אלע קינדער און דערוואקסענע זינגען דעם זעלבן נאציאנאלן הימן, טראגן די זעלביקע נאציאנאלע פאן און דעקלאמירן לידער מיט אן ערד דעם אייגענעם אינהאלט: די ראל פון ארטיגאסן ביים אויסשמידן אן אורוגווייער פאלק.

וועלן מיר נישט אוועק אזוי ווייט צוריק אין דער געשיכטע אריין ווי ביז צו אונדזערע ארטינאסעס; מיר וועלן נישט אוועק צוריק נישט ביז משה'ן און נישט ביז ירמיהו'ן און נישט ביז עזרא'ן און נחמיה'ן און נישט אפילו צו משה העס, ד"ר הערצל, אדער א. ד. גארדאן. מיר וועלן זיך אומקערן אין דער געשיכטע אריין בלויז אף עטלעכע יאר, צו די קדושים פון ווארשעווער געטא, וואס האבן אלע איינעם: רעכטע און לינקע און אומפארטייאישע, רעליגיעזע און וועלטלעכע, פארטיידיקט זייער און אונדזער ווירדע.

איז וואס־זשע זעען מיר? — מיר זעען, אז בכדי צו דערמאנען זייער לעצטן און צוואה'דיקן קאמף ווי נאציאנאלע גבורים, קענען זיך מאנטע־ווידעער יידן נישט צונויפקומען אין איין און דעמזעלביקן טאג און אונ־טער אן איין און איינציקן דאך, נאר זיי „מוזן" דאס טון אין דריי פאר־שידענע נעכט און אונטער דריי פארשידענע דעכער, ווייט אפגעשיידט איינס פון ס'אנדערע, ווי באזונדערע פיינטלעכע מחנות.

דאס איז ווייט, שרעקלעך ווייט, פון נאציאנאלער און קולטורעלער דערהויבונג און קען צוגעשריבן ווערן נאר דערצו, וואס נישט נאר האבן מיר ניט די טעריטאריעל־מלוכה'שע געבונדנקייט ווי עס האבן עס די אורוגווייער, נאר מיר האבן אויך נישט אזא נאציאנאל - אויטאריטאטי־ווע, דיסציפלינירנדיקע אינסטאנץ, וואס זאל דינען ווי א במקות־טעריטא־ריעל־מלוכה'שע צעמענטיר־קראפט.

איז דאס אן אפגעריסענע דערשיינונג בלויז באם אורוגווייער יידנטום?

צו אונדזער גרויסער ווייטיק — ניין.

ס'האט אן אלגעמיינע סיבה. די דאזיקע אלגעמיינע סיבה האט זיך איינגעגעסן אין אונדזער לעבן זינט עס זיינען דערין אנטשטאנען די צוויי געזונטסטע הויפט־שטרעמונגען פון דער מאדערנער צייט — די סאָ־ציאליסטישע און די נאציאנאל - ווידערגעבירטיקע. די דאזיקע סיבה האט זיך איינגענעסטיקט, ווי א „לינקע זייט" פון יעדער איינער פון די צוויי פריער־דערמאנטע שטרעמונגען — „מטבעות".

די צוויי הויפט־שטרעמונגען אין יידישן לעבן פאר די לעצטע יאר־צענדליקער ,די סאציאליסטישע פון איין זייט און די נאציאנאלע פון דער

אַנדערער זייט, האָבן ביז אַ צייט צוריק — און אין אונדזערע מקומות אין אַ גרויסער מאָס אויך היינט — זיך אָריענטירט נאָר אַפן „מאָרגן" און אַפן „דאָרטן".

דעם ה יי נ ט און דעם ד אָ האָט מען פאַרוואַרלאָזט; איז נישט קיין חידוש, וואָס עס האָט אַף אים אָנגעהויבן צו וואַקסן ווילדגראָז, ווילדגראָז פון עם־הארצות, פון שמאָל האָריזאָנטקייט, פון קורץ־זעעוודיקייט.

היינט, נישט אָפּגעוועגנדיק אונדזער בענקשאַפט אַף קיין איין רגע פון אַ ליכטיקן און יושר'דיקן מאָרגן פאַר איטלעכן און אַ נאָרמאַלן דאָרטן פאַר אונדזער פאָלק, מוזן מיר, אָבער, אָנערקענען דעם אמת פון די פאַקטן, וואָס איז טאַקע אַזוי פאַקטיש־ווירקלעך ווי אַ הונגעריקער מאָגן און ווי אַ דרום־אַמעריקאַנער ייִדיש קינד, פאַר וועמען ס'איז שוין געווען וואָס דער טאַטע זיינער איז אַ „רוסאָ" — ער וויל עס מער ניט זיין, אַז:

ביז עס וועט קומען די נחמה פון סאָציאַליסטישן מאָרגן אָדער נאַ־ציאָנאַלן דאָרטן, וועט אָרוים די נשמה — די סאָציאַליסטישע ווי די נאַ־ציאָנאַלע — ביי די וואָס לעבן טאַקע היינט און טאַקע דאָ, אויב מע וועט פאַר אַט דעם היינטיק־דאָיקן לעבן גאָר ניט טון.

עס איז דעריבער נייטיק אַ רעוויזיע פון אונדזער באַציונג צום איי־גענעם היינט. אַ רעוויזיע וואָס זאָל ברענגען נאָך זיך אַ געטרייערע אויפמערקזאַמקייט צו דעם באָדן אונטער די אייגענע פיס.

פּראָגרעסיווע מענטשן, וועלכע פאַרגלייכן נישט פון צייט צו צייט זייערע טעאָריעס מיטן לעבן, בכדי צו זען צי זיי אַנטשפּרעכן דערצו, אַזעלכע פּראָגרעסיווע מענטשן קענען פאַרשטיינט ווערן, פאַרוואַנדלט ווערן אין רעאַקציאָנערן.

יעדער דור, אויב ער הערט זיך צו צום קול פון די געשיכטע־רעדער — איז ער אַ דור פון מעפּילים, פון אומגעדולדיקע גייערס אַפן וועג צו דערלייזונג.

יעדער דור, אויב ער הערט נישט דאָס קול פון די געשיכטע־רעדער, — איז פאַרמשפּט צו ווערן אַ דור־המדבר.

דאס הייליקן אונדזער לעבן בלויז פאר סאציאלער רעוואלוציע איז בשעתו געווען דאס רעוואלוציאנערע און פיאנערישע, דאס אלוועלט־און אלמענטשלער־חלוצישע.

אויב דאס יידישקייט פון אמעריקאנער יידן איז געווען א קרענקלעכס דעמאלט ווען עס איז באשטאנען בלויז אין דערפילן זיין חוב (ניט מער ווי מיט געלט) צו בנין וגאולת ארץ ישראל, פארלאזנדיק זיך מיטן „ז יי ן י י ד ן” אפן מזרח־אייראפעישן יידנטום, איז היינט אזא מין באציונג ניט מער קרענקלעכקייט, נייערט — נאציאנאלער זעלבסטמארד.

יעדער ייד מוז איינזען, אז היינט איז אי רעוואלוציאנער אי נאציאנאל:

ניט־אויפגעבנדיק דעם קאמף פאר סאציאלער גערעכטיקייט אומעטום און פאר יידישער מלוכה'שער ווידערגעבורט אין ארץ־ישראל, גלייכצייטיק פארטיידיקן מיט ציין און נעגל דעם פיזישן קיום פון אונדזער פאלק, דארט ווו ער איז באדראט און בויען יידישע קולטור־פאזיציעס, וועמענס אויספעלן באדראט פונקט אזוי אונדזער מארגן, ווי די פיזישע אויסראטונג באדראט אונדזער היינט.

ווער עס זעט נישט און טוט נישט גארנישט פאר אזא אמת — איז זיין גורל נאך טראגישער ווי פון א דור־המדבר'ניק ווייל אפילו ה י נ ט ע ר זיך לאזט ער שוין קיינעם ניט איבער אף דערלייזט צו ווערן...

אפט קומט אונדז אוים זיך אנצושטויסן אין יידן וואס פארשטייען אונדז נישט ריכטיק. ווען מיר רעדן צו זיי וועגן דער געפאר פון פארשלינגען צו ווערן פונעם ארום, וועגן דעם, אז אונדזערע אויפוואקסנדיקע קינדער שעפן פולע עמערס ניט־יידישס און נעמען גארניט איבער פון זייערע עלטערן נאציאנאל־אייגנס. קומען אט די יידן און ווילן אין אונדזערע רייד ארייננטייטשן א טענדענץ פון זיך וועלן אפזונדערן און ניט קענען דעם ארום.

ענטפערן מיר זיי:

מיר אנטלויפן נישט פונעם ארום. מיר ווילן אים קענען און אַלדאָס שיינע פון אים — אַסימילירן. אָבער מיר ווילן נישט פ ו ן א י ם אַסימילירט ווערן.

דאָס הייסט:

ווען חלוצים פון דער גאַנצער וועלט האָבן גענומען אַ רומענישן פאָלקס־טאַנץ, „האָראַ" (האָראַ — הייסט אַף רומעניש אַ „קיילעכיקס") און אין אים אַריינגעגעבן יידישן אינהאַלט, יידישן זין, יידישן במשך־קאַרגע צוויי טויזנט יאָר איינגעהאַלטענעם פייער און ב[illegible], און אַט דעם טאַנץ פאַרוואַנדלט אין אַ טאַנץ פון יידישן פאָלקס אַ טייל, ווינציקסטנס, וואָס שטייט אויף צו אַ ניי און נאָרמאַל לעבן, הייסט עס, אַז יידן האָבן אַסימילירט עפּעס שיינס פון דעם רומענישן אַרום.

ווען יידישע ישוב'ניקעס פון רומעניע האָבן, ווי צעוואָרפענע יחידים צווישן קאָמפּאַקטע רומענישע באַפעלקערונגען, פאַרגעסן דאָס יידישע לשון, אויפגעהערט צו רעדן אַף יידיש, קענען מער ניט לייענען ניט קיין יידיש און ניט קיין סידור־לשון־קודש, ווייסן נישט וואָס עס טוט זיך מיט יידן אַף דער וועלט, ווייטיקן ניט און פרייען זיך ניט מיט כלל־יידישע ליידן און פריידן און זייער איינציק נשמה'דיק אויסלעבן זיך באַשטייט אין זונטיקדיקן טאַנצן צוזאַמען מיט דער אַרומיקער רומענישער באַפעלקערונג די פאַרשידענערליי רומענישע „האָראַס" — הייסט עס, אַז די דאָזיקע יידן זענען פאַרשלונגען געוואָרן פונעם אַרום, האָבן זיך אַסימילירט.

מיר באַטראַכטן אַלץ וואָס קען פאַרגליכן ווערן צו אַט די צוויי פאַלן, מיר ציען אונטער אַ נאַציאָנאַלן סך־הכל און קומען צום אויספיר: אַסימילירן — יאָ; זיך אַסימילירן, כל־זמן שהנשמה בקרבנו — לאָ מיט אַן אַלף.

און כדי ניט פאַרשלונגען צו ווערן פון דעם אַרום, מוזן מיר אַליין שאַפן אַזעלכע מיטלען וואָס קיינער אַ חוץ אונדז קען זיי פאַר אונדז ניט שאַפן. נאָר מיר אַליין.

אַט דעם דאָזיקן „מיר אליין" כאַפּן נאָך אַ סך „רעוואָלוציאָנערן" אויף ווי און אַפּיקורסות: „איזאָלאַציע", „אָפּזונדערונג פונעם רבים".

איז דאָס נישט אמת. נישט אַלץ איז אַ רשות הרבים און דאָס וואָס איז אַ רשות־היחיד — מוז דער יחיד אַליין פאַר דעם זאָרגן.

אַזוי ווי אַ פּונקט קען אַמאָל זיין איינגעשלאָסן אין אַ ריי קרייזן, איי־נער גרעסער פאַר דעם אַנדערן, אַזוי איז יעדער מענטש איינגעשלאָסן אין אַ ריי רינגען פון אַנקערענישן, פאַרהעלטענישן און באַציונגען.

ארום דעם פּונקט, דעם יחיד — אַ קליינער רינג: זיינע בני־בית; אַרום אַט דעם קליינעם רינג — אַ גרעסערער רינג: די משפּחה; אַרום אַט דעם צווייטן רינג — אַ דריטער, נאָך אַ גרעסערער: זיין דאָרף צי שטאָט; דערנאָך קומען: געגנט, לאַנד, פאָלק, קאָנטינענט און מענטש־הייט. לויט אַנדערע מיני סימנים זענען נאָך פאַראַן איינטיילונגען לויט פאַך, סאָציאַלע קאַטעגאָריע, קלאַס. און איבער די אַלע רינגען, אפילו דעם גרויסן רינג „מענטשהייט" איינגעשלאָסן, זענען נאָך דאָ אַלץ־אַרומ־נעמענדיקע גרעסערע רינגען, וואָס הייסן: לעבן, נאַטור.

וואָס נענטער, הגם קלענער, עס איז אַ קרייז, אַלץ מער איינגעבאַקן אין האַרץ איז ער. וואָס גרעסער, וואָס ווייטער, ס'איז אַ קרייז פונעם פּונקט — אַלץ וויכטיקער איז ער אָבער פונעם כּלל־שטאַנדפּונקט.

דאָס נאָרמאַלע, געזונטע, נאַטירלעכע לעבן פון יעדן מענטשן, פון יעדן יחיד, איז אָפּהענגיק פון ריכטיק - באַלאַנסירטע פאַרהעלטענישן און באַציונגען צו יעדן איינעם פון די רינגען אין וועלכע ער איז איינגע־שלאָסן. יעדער „פּאַראַט", יעדער מין „איבערהיפּערן" אַ רינג, אַ סוב־רינג צי אַ צווישן־רינג פון אַט די קרייזן, לאָזט זיך אוים זייער ביטער צו דער גאַנצער צונויפגעקייטלטקייט פון אַלע אַנדערע רינגען און נאָך מער —צום פּינטעלע מענטש פון דעם וואָס „היפּערט איבער" גופא.

אויב איך וועל צאָלן שטייערן דער מוניציפּאַליטעט, וועט זי האָבן פון וואַנען איינצופירן אַ באַלייכט־סיסטעם אף דער גאַנצער שטאָט, וועט במילא זיין ליכטיק אויך פאַר מיין הויז.

אַבער פאַרן אינעווייניק פון מיין הויז — מוז איך מיר אַליין קויפן אַ לעמפּל, ווייל אז איך וועל עס נישט קויפן, טאַ ווער־זשע וועט דאָס פאַר מיר קויפן?

אויב איך וועל צאָלן שטייערן דער שטאַט - פאַרוואַלטונג, וועט זי קענען באַזאָרגן די גאַנצע שטאָט מיט פיינע טראָטואַרן, גוט - געפּלאַסטער־טע וועגן און שיינע פאָלקס־גערטנער. במילא, וועט שוין פאַר מיין הויז אויך געמאַכט ווערן אַ שיינער טראָטואַר, אַ שיין - געפּלאַסטערטער וועג און איך וועל מיט מיין הויז־געזינט האָבן וווהין צו גיין שפּאַצירן אין די שבתים צי זונטיקס. פאַרשטייט זיך, אַז „במילא".

אַבער אין מיין הויף וועט מיר קיינער נישט קומען אויספּלאַסטערן אַ וועג צו דער גאַס און קיינער וועט מיר נישט קומען פאַרפלאַנצן קיין גערטנדל אדער אויסאַרבעטן שיינע סטעזשקעלעך צווישן זיינע בייטן. דאָס מוז איך מיר אליין מאכן, ווייל אויב איך וועל עס מיר אליין נישט מאכן, טאַ ווער־זשע וועט דאָס פאַר מיר מאַכן?

אויב איך וועל געבן פאַר מיין פאָלק אַ בלוט־שטייער צו דעם אַל־פעלקערלעכן געראַנגל קעגן רעאַקציע (וואָס הייסט לויט דער צייט נאָך: צאַריזם, שוואַרצע מאה, פאַשיזם, נאַציזם צי קאַגליניזם און ענלעכע), וועט דאן מנצח זיין דער כוח פון יושר און גערעכטיקייט פאַר אַלע מענ־טשן און מיין פאָלק וועט דאַן במילא האָבן פאַרהיט געוואָרן פון דער רעאַקציעס ספּעציפישן אויסדרוק, וואָס הייסט אַנטיסעמיטיזם. איך וועל דאַן האָבן בייגעטראָגן מיט מיין בלוט פאַר דעם פיזישן אויפהיט פון מיין פאָלק.

אויב מיין פאָלק איז אָבער צעטיילט אויף צענדליקער ישובים און יעדער ישוב איז אין דעם לאַנד ווו ער לעבט טאַקע אַ שותף מיטן צאָלן שטייערן, סיי מיטן גענינסן פון לאַנדס אַלגעמיינע דערגרייכונגען, איינ־־שליסלעך קולטורעלע, ווי שול־וועזן, אאז"וו. און אויב דערמיט קענען אָבער (אַ חוץ אין ארץ־ישראל און אין ראַטנפאַרבאַנד) ניט באַפרידיקט־ווערן זיינע ספּעציפיש - יידישע קולטור - באַדערפענישן, דאַן מוז איך

מיר אליין שאפן אזא ארגאניזם, וואס זאל באזארגן מיינע אייגענע, יידישע קולטור־הצטרכותן. ווייל אויב איך וועל מיר אליין ניט שאפן אזא מין קערפערשאפט, טא ווער־זשע דען וועט זי פאר מיר שאפן? ווייל אויב איך וועל אליין ניט זארגן, אז מיין ישוב, און אזוי פיל אנדערע צענדליקער יידישע ישובים, זאלן ניט באשטיין בלויז פון יידישע מאגנס, פון יידישע נעז און פון יידישע הענט און פיס, נייערט אויך פון יידישע הערצער און מוחות, טאר ווער־זשע דען וועט זיך דערפאר זארגן?

דאס היינט, אז אויב איך וויל נישט פאראטן, „איבערהיפערן" די רינגען וואס שליסן מיך איין אין מיין פאלק, אין מיין שטאט, אין מיין נאציאנאלער משפחה — אלץ אזעלכע רינגען פאר וועמענס שטאל־פעסמער געשמידטקייט עס טוט נישט גארנישט קיין שום מלוכה אף דער וועלט, —חוץ ארץ־ישראל און דעם ראטנפארבאנד — מוז איך אליין אט די רינגען באפעסטיקן מיט וואס ס'איז נייטיק און נאר אזוי אויפהיטן ריין אומבאפלעקט מיין יידישע פערזענלעכקייט, אז וועלכן ס'איז נישט מעגלעך, אז איך זאל האבן א נארמאל־מענטשלעכן פרצוף.

יא, מיר ווילן זיך נישט אויפלייזן אין דעם ארום. מיר ווילן זיך, אבער, פון אים אויך נישט אפזונדערן מיט קיין שום שטיינערנעם גדר. מיר גלייבן, אז ס'איז פאראן א דערציונגס - מעגלעכקייט וואס זאל פון אונדזערע קינדער מאכן ערלעכע, געטרייע און באוווסטזיניקע בירגער פון אמעריקע, ניט־אויפגעבנדיק קיין שמץ פון זייער יידישן מהות.

א חוץ דעם וואס די מלוכה־שול לערנט אונדזער קינד, דארפן מיר אליין עם אזוי דערציען, אז עם זאל נישט אויסוואקסן קיין פורש מן הצבור, פון דער אלגעמיינער לאנד־באפעלקערונג; מיר דארפן דאס דערציען אזוי, נישט נאר ווייל אזא פרישות קען גורם זיין דערצו, אז דער ניט־יידישער ציבור זאל טאקע „ראטיפיצירן" די דאזיקע אפזונדערונג אין אזא זין, ווי ער קען זי אמאל אויסטייטשן...

וואס שייך דער יידישער דערציונג, זיינען דא אמעריקאנער לענדער (מיר ווען זיי דא נישט אנרופן), וווּ עס האט געהערשט אדער ס'הערשט

נאַר דיסקרימינאַציע צו „פרעמדע שפראַכן", יידיש בתוכם, און עס זיינען דאַ לענדער, ווו פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן זיינען פּ אַ ר ן דערלוי־ בן די עקזיסטענץ פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע קולטורן. מיט עטלעכע יאָרן קריק האָט הענרי א. וואַלאַס דערקלערט, אַז „מען קען זיין אַ גוטער אַמערי־ קאַנער, ריידנדיק יידיש".

אונדזער שטעלונג דאַרף אָבער זיין א י י נ ע, אין אַלע לענדער פון אונדזער צעשפּרייטקייט:

מיר זיינען געווען פאַרן בלייבן אַמעריקאַנישע יידן דעמאָלט ווען אין אַמעריקע האָט געהערשט דער דעוויז פון „שמעלץ - קעסל" און מיר זיי־ נען פאַרן בלייבן אַמעריקאַנישע יידן, ווען אין נאָרד - אַמעריקע, למשל, רעדט מען שוין וועגן קולטור־פּלוראַליזם, וואָס איז אין תוך נישט עפּעס אַנדערש ווי די סטאַלינישע לאָזונג פון „נאַציאָנאַל לויט דער פאָרעם, סאָציאַליסטיש לויטן אינהאַלט" (פאַרשטייט זיך, אַז אין די שטאַטן מיינט מען — קאַפּיטאַליסטיש - דעמאָקראַטישן אינהאַלט"...) און מיר וועלן זיין פאַרן אָפּהיטן אונדזער אייגענע יידישע קולטור אויך דאָן, ווען עס וועט זיך, עווענטועל, ערגעץ, אויסער אונדז, א דריי טון עפּעס א רעדעלע פאַר אויפלייזונג אין אַרומיקן רבים.

און מיר מוזן פילן מיט אונדזער גאַנצן לייב - און - לעבן, אַז אויב עס וועט קומען אַזאַ שוואַרצער טאָג, ווען עמעצער וועט אונדז פּרוווּן איינרעדן אָדער צווינגען זיך אויפצולייזן צוליב אַ וועלכער ס'איז ניט איז „שטאַטלעכער איינהייט" — טאַ וועלן מיר דאַן שטעלן אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד און זיין גרייט צו אַרבעטן אַפילו אונטערערדיש פאַר אונ־ דזער נאַציאָנאַל - קולטורעלן לעבן, וואָס איז פּונקט אַזוי שיין און טייער ווי די פון אַנדערע פעלקער; און אויב עס וועט נייטיק זיין, וועלן מיר אַפילו נים אָפּשטעלן פאַר מקריב זיין זיך, פאַר פאַרברענט צו ווערן ווי לעבעדיקע פאַקלען פון עקשנותדיקן יידישן אויסדויער, אַזוי ווי עס זיינען פאַרברענט געוואָרן די עשרת הרוגי מלכות מיט רבי עקיבא בראש, דעמאָלט ווען די „שמעלצער" פון יענער צייט, די רוימער, האָבן געוואָלט אויסלעשן דאָס יידישע זיין פון אונטער דער זון.

דערצו זיינען נייטיק: קאאָרדינירונג פון די יידישע קולטור־בויערישע כוחות, זייער צענטראַליזירונג און פאָלקס־דיסציפּלין. נאָר אַזעלכע כוחות קענען, אַף וויפל ס'ניט איז, פאַרטרעטן די פונקציעס פון אַ מלוכה.

אין ראַטנפאַרבאַנד, ווו די מלוכה איז די אויספיר־מאַכט פון די יידישע קולטור־הצטרכותן, איז מעגלעך, אַז יידישע ביכער זאָלן דער־שיינען אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן, איבערגעזעצט ווערן אין צענדליקער שפּראַכן; עס איז מעגלעך, אַז גאַסן, ישובים און רעגירונגס־אַנשטאַלטן זאָלן טראָגן יידישע נעמען און עס איז מעגלעך געווען צו באַשטימען יידיש פאַר דער אָפיציעלער שפּראַך אין די בירע־בידזשאַנער שולן און מלוכה־אַמטן און אַזוי אַרום, צום ערשטן מאָל, אַוועקשטעלן יידיש אַף דער זעלבער חשיבות'דיקער הייך ווי די לשונות פון נאָרמאַלע פעלקער.

אין ארץ־ישראל, ווו די יידישע מלוכהשקייט איז נאָך ווייט נישט קיין פולע, איז מעגלעך געווען צו באַלעבן העברעיש, וואָס איז מיט דרייסיק יאָר צוריק געווען אַ טויטע שפּראַך פון באַנוץ־שטאַנדפּונקט, אַ שפּראַך בלויז פאַר ביאַליקישע לידער און אחד־העמ'ישע מאמרים, ביזן גראַד פון אַ לשון אין וועלכן מע קען לייענען באַרביסן און ראָמען ראָלאַנען, לעני־נען און סטאַלינען און מאַרקסן און מע קען אין איר נישט נאָר אויס־זינגען אפערעס, נאָר אויך זיך זידלען בעל־עגלה'יש־דריי־גאָרנדיק; אַ שפּראַך אין וועלכער עס דערשיינען איצט עטלעכע צענדליקער ביכער אַ חודש — בעלעטריסטישע, וויסנשאַפטלעכע און טעכנאָלאָגישע; וועגן אַרכעאָלאָגיע פּונקט ווי וועגן קינאָ; וועגן ספּאָרט ווי וועגן מאָדעס.

און מיר האָבן מיטגעבראַכט קיין אַמעריקע דאָס יידישע לשון, דאָס לשון פון אונדזערע טאַטע־מאַמעס און זיידע־באָבעס; אַ לשון פון וויג־לידעלעך און שיינע מעשה'לעך; אַ לשון פון צענדליקער דורות געוויין און געלעכטער, פריידן און ליידן; אַ לשון טאַקע פון פלייש און בלוט און ביי־נער — אַ „לשון וואָס רעדט זיך פון זיך אַליין” און מחמת אונדזער הפקרדיקן, ניט־אָרגאַניזירטן און ניט־דיסציפּלינירטן לעבן זעען מיר היינט, ווי אונדזערע קינדער קענען ניט אונדזער לשון. עס בלייבט פאַר־

זיי דריבער פרעמד אונדזער צער און האפענונג, אונדזער שמייכל און אונדזער טרער.

מיר דערזעען פלוצלינג, אז מיר זיינען די לעצטע רינגען פון א קייט יידישקייט - איבערטראגנדיקע דורות. אונדזערע קינדער האבן פון אונדז גארנישט באקומען און וועלן שוין אוודאי ווייטער גארנישט איבערגעבן...

דאס קען זיין די שרעקלעכע שטראף פאר דער ניט־ווינציקער שרעק־לעכער זינד פון צעשפליטערטקייט.

כדי אט די שטראף זאל זיך אף אונדז ניט אויסגיסן אין דער פולער מאס—איז נאר פאראן איין אויסוועג; עס זאלן זיך פאריייניקן צו בוי־ארבעט די אלע וואס ווילן אזוי שטארק לעבן אף יידיש, ווי שטארק זיי ווילן לעבן בכלל.

זיי זיינען דא אין פארשידענע ווינקלען פון יעדן יידישן ישוב. זיי מוזן זיך בלויז צונויפקומען און לאזן הערן זייער א י נ י י נ ע מ ד י ק ווארט.

אויב לינקע און רעכטע קענען שליסן יד־אחת ביי פריוואטע פרנסה־געשעפטן, פאר וואס זאלן זיי זיך ניט קענען אייניקן לטובת צרכי־הציבור, לטובת הכלל?

אויב עס איז געווען אזוי נייטיק און מעגלעך זיך צו אייניקן אין דער צייט פון דער מלחמה, איז עס פונקט אזוי נייטיק און מעגלעך היינט, אין דער צייט פון מיליטערישן שלום.

דאס לעבן איז שטענדיקער קאמף, דאס יידישע לעבן — אוודאי און אוודאי.

נאר די, פאר וועמען דאס לעבן אין צייטן פון מיליטערישן שלום איז גלייך צו סטאגנאציע, איז גלייך צו דער רו פון א בער אין זיין נארע, נאר פאר די יעניקע קען היינט נישט אויספעלן קיין אייניקייט.

די, אבער, וועמען עס איז א שאד יעדער פארלוירענער טאג, די קע־

נען ניט בלייבן רואיק בעת דער כלל איז באהערשט פון אזא מין קולטור־רעלער נויט, וואס איז א געפאר פאר זיין נאציאנאלן מהות.

דאס יידישע לעבן איז באדראט פון צוויי טויט־שונאים: אויסראטונג און אויפלייזונג.

מיט אונדזער קאמף קענן רעאקציע און פאשיזם אומעטום; מיט אונדזער אנטייל אינעם קאמף פון אלע פעלקער פון דער וועלט פאר פעלקער־פארברידערונג און קעגן א דריטער וועלט־מלחמה — קענען מיר אויסקעמפן די פארבאדינגונגען פאר דער עקזיסטענץ פון אונדזער פאלק.

אבער ערשט מיט אונדזער אקטיוון איינשטעלן זיך פאר דעם אויפבוי פון יידישע שולן, טעאטערס, ביבליאטעקן, לייען־זאלן, פארלאגן און קינדער־זשורנאלן און הונדערטער קינדער־ביכעלעך — ערשט מיט דעם קענען מיר פארזיכערן די עצם־עקזיסטענץ פון יידן, ווי א פאלק צווישן פעלקער.

ווארט ער נאך אף מיין ענטפער?

א הויכער און ברייט־צעוואקסענער יונג. אן אפגעבערענט פנים, א פאר שווארצע אויגן און שווארצע, שיין־צונעשניטענע וואנצעלעך. אזא א צורה האבן די מערסטע יונגען, וועמענס פאטאגראפיעס דערשיינען אפט אף די ספעציעלע זייטן פון די אוונט־צייטונגען מיט פעטע איבערשריפטן: „דער־שטאכן דעם ריוואל און זיך גע׳סמ׳ט אינאיינעם מיט זיין געליבטער"; „מיט צוויי גאלן האט ער געראטעוועט דעם כבוד פון אונדזער פוטבאל־רעפרעזענטאנץ", צי גאר: „ראמירעז — דער קעניג פון די זשאקעים".

ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט לעבן מיר, אַף דער טראַמוויי־באַנק און באַלד האָב איך דערפילט זיינע אויגן און נאָז איבער די שורות פונעם יידישן בוך, וואָס איך האָב געהאַלטן אין לייענען. ס'האָט מיר אַביסל גע־שטערט זיין צודרינגלעכער נייגער און כ'האָב זיך צו אים אַ ווענד־געטון אַף שפּאַניש:

— ווילסט זיך עס אויסלערנען לייענען? — דערוואַרט האָב איך, אַז ער וועט שמייכלען און ענטפערן קאַקעטיש, ווי אַזוי פיל אַנדערע פאַר אים: „אַ, דאָס דאַרף דאָך זיין אַזוי שווער! וואָס איז עס? כינעזיש?"

ס'איז אָבער געווען אַנדערש. ער האָט גאָר נישט געשמייכלט און געענטפערט אַף יידיש:

— „אַמאָל, ווען אַ קינד, איך געוווּסט אַביסל יידיש".

אַזוי גאָר די מעשה? — האָב איך אַף אים אויפגעהויבן אַ פּאָר אויג־גן און עס איז אַוועק אַ שמועס, אַביסל אַף יידיש, מער אַף שפּאַניש. באַם אָנהויב בין איך געווען דער אָנגרייפער און ער האָט געהערט. שפּעטער האָט ער געשיט מיט רייד און איך האָב שוין נאָר פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ וואָרט, בלויז אַף אַזוי פיל, אַז זיין פייערל זאָל זיך ניט אויסלעשן.

וואָס איך האָב געזאָגט, איז דאָ גאָרניט וויכטיק.

איך וועל נאָר איבערגעבן דעם תמצית פון זיינע רייד, וואָס האָבן מיך געבריט, אָבער שטילערהייט אויך געפרייט. ווייל אויב עס זיינען נאָך דאָ אַזעלכע יידישע יונגטלעכע ווי ער, וואָס קענען מיך שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט מיט זייערע רייד, איז נאָך נישט פאַרלוירן אונדזער מאָרגן.

און אָט וואָס ער האָט געזאָגט צו מיר:

מיר, יונגטלעכע, האָבן זעלטן־ווען אַן אייגענע אויסגאַבע. די פון אונדז וואָס קענען אָבער יידיש — לייענען אַמאָל די צייטונגען און זשור־נאַלן וואָס איר, די „אַלטע", גיט אַרויס פאַר אייערטוועגן. פון לייענען

אַט די אויסגאַבעס ווייזן מיר, אַז איר שרייבט אָפּט וועגן אונדז אין שייַכות מיט אונדזער יידישער דערציאונג. אין אייערע אַרטיקלען ווערן אָפּט, טאַקע זייער אָפּט, באַנוצט די אויסדרוקן „המשך", „קולטור־ירושה", „יורשים" און אַנדערע פון דעם מין.

וואָלטן מיר אייך געוואָלט פרעגן: צי זענט איר שוין אַמאָל געקומען צו אונדז און זיך פאַרינטערעסירט מיט אונדזערע באַלדיקע פראַגעס? ווייסט איר, קאָנקרעט, וועגן די שוועריקייטן און שטערונגען, וואָס מיר באַזיגן אַמאָל יאָ און צען מאָל ניט אין אונדזער וועג? זענט איר שוין צוגעטראָטן צו לייזן די פראַגעס פון „המשך" אויף אַ ממשותדיקן אופן?

מיר ווילן וויסן: וואָס האָט איר שוין געטון פאַר דעם, אַז מיר זאָלן קענען זיין אייער המשך און אייערע יורשים? גערעדט און געשריבן, ווייסן מיר, אַז איר האָט שוין זייער אַ סך.

איר באַשולדיקט אונדז אַז אונדזערע זינדיקע נשמות ציט עס נאָר צום שפּאַנישן, צו די ביליקע, אויבערפלעכלעכע אילוסטרירטע ראָמאַנען אין פאַרזעצונגען, צו וואָס ס'ניט איז אין שפּאַניש, אָבער אַז צו יידיש „האָבן מיר ניט קיין חשק". אָבער צי איז אייך שוין אַמאָל איינגעפאַלן, אַז ווו מיר דרייען זיך נאָר אויס, ווו אונדזער בליק פאַלט נאָר — דאָרט פאַלט ער אויף אַ שפּאַניש־געדרוקטן וואָרט?...

און האָט איר שוין אַמאָל אַ טראַכט־געטון, אַז אַ יידיש בוך וואָס זאָל זיין צוטריטלעך פאַר אונדזער עלטער און בילדונגס־גראַד, אַז אַזאַ בוך איז בכלל נישט בנמצא אין אייערע הייזער, אין אונדזערע עלטערנס הייזער?

אין הויז, אין אַלע אייערע - אונדזערע הייזער, אין גאַס, ביי יעדן קיאָסק, אין יעדער וויטרינע, אומעטום ליגט דאָס שפּאַנישע בוך, דער זשורנאַל. אַלץ וואָס איז שפּאַניש איז ביליק און צוטריטלעך פאַר אונדז סיי לויטן פּרייז, סיי לויטן אינהאַלט, בעת דאָס יידישע בוך איז עפּעס אַ זעלטנקייט, עפּעס אַזוי ווייט פון אונדז ווי די שטערן אין הימל.

ווייסט איר, אַז צענדליקער פון אונדז, צי טאַקע הונדערטער, האָבן נאָך אַף זייער לעבן נישט געזען קיין בוך פון שלום־עליכמ׳ן אָדער פּרצ׳ן? ווייסט איר, אַז די יעניקע יוגנטלעכע וואָס ווייסן שוין יאָ עפּעס פון יידישקייט מיינען, אַז עס זיינען דאָ נאָר פינף יידישע שרייבערס אַף דער וועלט: מענדעלע, פּרץ, שלום - עליכם, ביאַליק און שלום אַש, דערפאַר ווייל וועגן די ערשטע דריי האָט מען זיי דערציילט אין דעם איינעם צי אין די צוויי יאָר אומרעגלמעסיקן גיין אין דער יידישער שול און פון די לעצטע צוויי זעט מען איצט ביכער אין די אַלגעמיינע, שפּאַנישע בוכהאַנדלונגען?...

און אַז מען קען שוין לייענען יידיש — הייסט עס דאָך עס אַז מען קען ערשט לייענען נאָר אין איין מין ביכלעך, ווייל יעדער בוך איז עפּעס געשריבן מיט אַן אַנדער מין אויסלייג און מיט די יידישע צייטונגען איז עפּעס אויך אַזוי. אפשר וואָלט איר גאָר פריער זיך אויסגעגליכט צווישן זיך, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן יידיש און דערנאָך אונדז געקומען לערנען די איין־און־איינציקע יידיש־שפּראַך, אַזוי ווי שפּאַניש שרייבן אַלע גלייך, קאַראַמבאַ? (1)

ווו זיינען די ביבליאָטעקן פאַר קינדער און יוגנטלעכע, מיט די יידי־שע ביכער, וואָס איר האָט פאַר אונדז אָנגעגרייט און „מיר ווילן אַהין ניט אַריינטרעטן”?
קויפט איר אונדז אַמאָל אַ מתנה — אַ יידיש ביכל?

ווו איז אַפילו אַ גוטע יידישע בוכהאַנדלונג מיט יידישע קינדער - און יוגנט־ליטעראַטור, ווו מיר זאָלן זיך אַמאָל עפּעס קענען איינקויפן פּאַסיקס, אינטערעסאַנטס, פאַר אונדזערע קאַרגע סענטן?

צי ווייסט איר, אַז מיר האָבן שוין עטלעכע מאָל געפּרוווט זיך אָרגאַ־ניזירן אין ניט - פּ אַ ר ט יי א י ש ע יוגנט - אָרגאַניזאַציעס, מיטן ציל זיך דאָרט צו לערנען יידיש, זיך באַקענען מיט דעם וואָס איר באַקענט

---

(1) כמעט ווי דער יידישער „צו אַלדי רוחות!"

אונדז נישט און אז די דאזיקע ארגאניזאציעס אונדזערע זיינען זיך צע־
פאלן מחמת... מאנגל אין דירה־געלט?

צי ווייסט איר, אז ווען מיר האבן ארגאניזירט יידיש - קורסן און אז נאך דעם וואס אין דריי חדשים האבן זיך די מערסטע פון אונדז אויסגע־לערנט לייענען און שרייבן דאס אייגענע לשון, זיינען זיך אויך די קורסן „צעפאלן", ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז א לערער קען מען נאך קריגן אן געלט, אבער קיין לערן־ביכער — נישט?

מיר האבן באדארפט פאר יעדן יוגנטלעכן א כרעסטאמאטיע מיט א געשיכטע - לערן־ביכל און מיר האבן נישט געהאט פון וואנען דאס צו קויפן. דובנאווס קורצע געשיכטע „פאר שול און היים" קאסט צוויי דאלאר אן עקזעמפליאר, איז ווו זאלן מיר, פופצן חברה, געוועז נעמען די דריי־כיק דאלאר?

און אן ביכער קען מען נישט לערנען גוט קיין געשיכטע, פונקט ווי אן גוטע כרעסטאמאטיעס און צוגעפאסטן, לייכטן לייען־מאטעריאל, קען מען זיך נישט באקענען מיט דער יידישער ליטעראטור.

איר זענט דאך נאך אפילו קיין מאל נישט געקומען צו אונדזערע זי־צונגען און פארזאמלונגען. איר וואלט דאן געהערט אונדזערע שמועסן, אונדזערע קריגערייען און דיסקוסיעס, אונדזערע קעגנזייטיקע באשולדי־קונגען, בעת די אמת'ע שולדיקע אין דעם וואס „עס גייט עפעס נית מיטן יידיש" — געפינען זיך אפשר אין גאנצן נישט אין אונדזערע, יוגנטלע־כע רייען...

מיר ווארפן די שולד איינס אף דאס אנדערע פאר אומדערפאלגן, פאר שווערן גיין ווייטער, בעת איר שטייט זיך אין גאנצן אין א זייט און איר שטרעקט נית אוים קיין האנט, ניט אלם דערוואקסענע, נים אלם מער - דערפארענע און נים אלם עלטערן.

צי ווייסט איר, אז א גרויסע טייל פון אונדז ארבעט שוין א גאנצן טאג אף ברויט און ניט נאר זיינען מיר ניט רייך אף צו קענען „פינאנצירן" פון אונדזער איינענער הכנסה די קולטור - באדערפענישן, נאר מיר שפארן קוים אפ אף דירה־געלט?

ווען מיר זיינען געווען קליינע, האט איר פאר אונדז גארניט, אדער גאר ווייניק געטון, וואס איז שייך יידישע דערציונג. איצט ווילן מיר אליין דעריאגן און דערגרייכן דאס וואס עס פעלט אונדז — ווו־זשע איז כאטש אייער הילף פאר דעם?

גייען מיר אייך טאקע אז נאר אף אזוי פיל, אף וויפל מען קען וועגן אונדז שרייבן?...

פאר אונדז דארף מען שוין ניט פראפאגאנדירן דעם געדאנק וועגן זיין שטאלצע יידן. מיר זיינען דאס מיטן גאנצן הארץ. מיר ווילן דאס אבער אויך זיין באוווסטזיניק. מיר ווילן זיין קולטורעלע יידן, כאטש אף אזוי פיל וויפל מיר זיינען קולטורעלע אורוגווייער בירגער. אלס געטרייע אורוגווייער בירגער, וואס האבן טאקע ליב מיטן גאנצן הארץ דאס דאזי־קע לאנד ווו מיר זיינען געבוירן געווארן, זיך געשפילט, זיך געבאדן אין זיין ים און זיך אויפדערצויגן אונטער זיין זון — ק ע נ ע ן מ י ר א ו י ך די געשיכטע און דעם קולטור־פרצוף פון דעם לאנד. אלס גע־בוירענע ביי יידישע עלטערן — ו ו י י ס ן מ י ר אזוי ווייניק וועגן יידן. יענע האט אונדז געלערנט די אלגעמיינע שול. דאס האט איר אונדז גע־דארפט לערנען. האט איר דאס נישט געטון ביז איצט, טא אפשר קענט איר עס נאך טון היינט?

מיט אייער „מוסר - זאגן" זיינען מיר שוין זאט.

איך האב אים צוגעזאגט אמאל צו „ענטפערן" אף דעם אלעמען.

ביז היינט האב איך עס נאך ניט געטון. מיין צוזאג נאך אלץ נישט מקיים געווען.

דאָרט און דאָ...

א.

עס שטייען מיר פאַר די אויגן די יידן פון וואַרשעווער געטאָ אין די יאָרן 1940, 1941: אָפּגעשפּאַרטע פון דער גאַנצער וועלט, כמעט אָן אַ שום קאָנטאַקט, ווי מצורעים. אויף יעדן טראָט זייערן — ווערן זיי באַשפּיגן און דערנידעריקט.

אָבער: לעבעדיקע.

עס קומען פאָר פאַרזאַמלונגען, רעפעראַטן, טעאַטער - פאָרשטעלונגען, רעציטאַציע־אָוונטן. עס פונקציאָנירן אפילו יידישע שולן.

אַ ביסל האַנדל און אַ סך סאָציאַלע הילף. מען טוט אַלץ וואָס ס'איז מעגלעך אויף איבערצולעבן. זיי ווייסן, אַז אַלע מלחמות ענדיקן זיך סוף־כּל־סוף און אַז די איצטיקע וועט זיך אויך אַמאָל ענדיקן. דאַרף מען אויסהאַלטן און דערלעבן דעם סוף פון דער מלחמה, ווען מען וועט זיך ווידער קענען צוריקקערן צו אַ „ניי" אַלט לעבן, אָדער אפשר טאַקע צו אַ נייעם באמת.

אויף יעדן פאַל—וועט מען שוין דעמאָלט מער ניט זיין קיין פאַרשפּאַרטע.

קיינער פון אַט די יידן האָט דאַן נאָך נישט געוווסט, אַז ערגעץ ווערן איצט געבויט אַזעלכע ספּעציעלע „פאַבריקן" מיט עלעקטרישע אויוונס און קונציק - שכלדיקע איינריכטונגען, וווּ מען וועט זיי אַלע אָפּן שנעלסטן און פּראַקטישסטן אופן אומברענגען. וואָס מער נפשות אין וואָס ווייניקער צייט. עס וועט זיין אַ רעקאָרד פון מאַסן־פאַרטיליקונג פאַר דער וואַלוולסטער פּרייז. און כמעט אָן שפּורן. „נעט" אָרום און אָרום.

בעת זיי האָבן נאָך דאָ, הינטער די געטאָ־מויערן, געלעבט און געטרייסט זיך מיט ביטערן הומאָר און וויץ, האָבן שוין די שדים פונעם

נאַציִשן גהינום ווילד געקייכט און זיך געקוויקט מיט דער פּערספּעקטיוו פֿון הונדערטער טויזנטער ייִדן, מיליאָנען ייִדן, וואָס וועלן געפֿירט ווערן „אין באָד אַריין" און וועלן פֿאַרוואַנדלט ווערן אין זייף צי בלויז אַש.

די ייִדן האָבן נאָך געלעבט, אָבער הינטער זייערע פּלייצעס איז שוין זייער טויט־אורטייל געווען אַ געחתמ'עטער. ס'אַראַ טראַגישער חוזק!

ב.

די ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ, אין פֿרילינג 1943.

ווי פֿאַר'סמ'טע מייז לויפֿן זיי אַרום פֿון איין עק געטאָ צום אַנדערן. איטלעכער ווייסט שוין „וווהין" מען פֿירט. עס ווייסן עס אַפֿילו די קליינע קינדער, וואָס האָבן שוין אויפֿגעהערט פֿרעגן זייער שטענדיקן „פֿאַר וואָס?"; עס ווייסן שוין אַלע פֿאַרבליבענע טאַטעס, וואָס קענען שוין בשום אופֿן ניט אָפּנאַרן זייערע קינדער מיט באַרואיקנדיקע ליגנס. אַז אַפֿענער איין־און־דרייסיק. מען פֿירט אונדז אַלעמען צום פֿאַרברענען.

און אַזוי, דערפֿון, איז אַנטשטאַנען דער אויפֿשטאַנד פֿון וואַרשעווער געטאָ. אין קלענערע ערטער, וווּ עס האָט זיך פֿריער אָנגעהויבן, זיינען אַזוי אַנטשטאַנען די העלדישע פּאַרטיזאַנען־גרופּעס.

ג.

די ייִדן אין די אַמעריקעס אין די ערשטע עטלעכע צענדליק יאָרן פֿון פֿון זייער אַהערקום.

סאָציאַלע איבערשיכטונג. שפּיכת־דמים ביים פֿאַרוואַנדלט ווערן פֿון חשוב'ע קליינשטעטלדיקע בעלי־בתּים אין ביליקן „שאָפּ"־פֿלייש. שפּיכת־

דמים ביים רעדן א שלעכטן ענגליש אדער שפאניש. א סך צער באם צוזען ווי ס'איז נישטא דא קיין ערד אף וועלכער זאלסט פארפלאנצן דיין היימישן לעבנסשטייגער.

א סך צער איבערן נישט קענען צופאסן זיך צום נייעם לעבן דא, — וואס קען זיך אבסאלוט באגיין אן דעם שענצטן און בעסטן וואס זיי האבן מיטגעבראכט אין זייער מענטאליטעט, א לעבן, וואס קלאפט פון זיי ארויס ווי מיט בייטשן דעם גאנצן „גרינעם" וועלט־באנעם, דעם גאנצן ייד־באנעם.

עקאנאמיש — וואס אמאל בעסער. וואס אמאל ווייניקער זארג פארן שטיקל ברויט. עס וואקסן אוים די השגות, וואס אמאל שענערע וווינונגען. דא און דארט — אן אויטא. קינדער גייען אין די ארטיקע שולן און רעדן אן עכטן ענגליש אדער שפאניש. מען קליידט זיך וואס אמאל שענער, רייַנער. מען גלייכט אויס די רוקנס.

הינטער זייערע פלייצעס איז געשטאנען די עם־הארצות, די אסימילאַציע, א פארפוצטע אין עסיק און אין האניק פון אלערליי „קולטורן" און געקייכט פאר געלעכטער: זאלן זיי זיך קוויקן מיט זייער וווילטאג, מיט די אמעריקאנער שולן, מיט די אויטאס און מיט די קינדערס עכטע ענגלישן און שפאנישן. זיי ווייסן נישט, אז אזוי וועלן זיי זיך אויפלייזן נאציאנאל; אז זייער מחנה ווערט וואס אמאל קלענער, אז זיי גייען אונטער, אז זיי וועלן פארשווינדן. אך, ווי שיין זיי גליטשן זיך עם וואס אמאל טיפער, טיפער אין תהום פון נאציאנאלן טויט!

ד.

די יידן פון די אמעריקעס — היינט.

מען ציט אונטער סך־הכל'ען. זעקס מיליאן יידן האט מען דארט אפגעווישט. און דא? נאך אכט, פינף צי דריי צענדליק יארן אין א לאנד — ווי אין וועלכן — זעט מען, אז די גאנצע „חכמה" מיט דער אמעריקאנער

שול און מיט די עכטע ענגלישן אדער שפאנישן און מיט די דיפלאמען און סלובן און כל־האגליקן — אז דאס אלץ איז קיין חכמה און קיין גליקן גאר נישט געווען.

ס'איז די חכמה און דאס גליק פון יענעם פערד, וואס האט געמאכט א גלענצנדיק געשעפט: איינגעהאנדלט א פולע קאמער, ביז דער סטעליע, מיט האבער, פאר א קליניקייט — פאר זיין קאפ.

מען הייבט איצט אן מאכן דעם „אפעל", זיך ציילן, און עס בלייבן וואס אמאל וויניקער צוצורעכענען צום נאציאנאלן מנין, צום ציבור.

די יידישע אמעריקעם האבן שוין היינט, אין א קליינער מאס, אנטדעקט „וועהין" דאס פירט זיי. זיי האבן זיך שוין דערוווסט, אז פון דארט, פון דער עם־הארצות, וואס מען רופט מיט אזא שיין־קלינגנדיקן נאמען ווי „אסימילאציע" — קומט מען שוין מער ניט צוריק צום יידישן פאלק.

עס ווייסט עס שוין יעדער יידישער טאטע, וואס קען זיך ביי זיין בעס־טן ווילן ניט קיין עצה געבן, ווי אזוי צו טון, אז זיין דריי־/צי פיר־יאריקער זון זאל פארשטיין א יידיש ווארט און זאל זיך ניט שעמען ארויסצורעדן א יידיש ווארט.

עס מוז איצט קומען א קנא'ישע דערוואכונג פאר יידישן קיום אין די אמעריקעם. עס מוז איצט קומען אן אימפעטיקער ווידערשטאנד צו דער פארגרעבטקייט. עס מוז קומען א קאמף קעגן אזא מין שאנד־פלעק ווי: יידישער אנאלפאבעטיזם.

ווער נעמט זיך דערצו?

זיי און מיר

ווען איך פלעג אין משך פון די לעצטע פארוויסטנדיקע יארן לייענען אדער הערן דעם געדאנק, אז דאס אייראפעישע יידנטום האלט אין פארלירן זיין באדייטונג אלס וויטאלער באשטאנד־טייל פונעם יידישן פאלק (די פארשפרייטער פון דאזיקן געדאנק איגנארירן געווייגטלעך דאס סאוועטישע יידנטום), פלעג דאס מיך אויפרעגן און כ'פלעג ניט קענען איינגיין דערויף. ס'האט זיך מיר נישט געקענט און נישט געוואלט גלייבן.

כ'בין צו מיין יידיש - מענטשלעכן שכל געקומען אין א מאלדאווא נישן דארף, ווו ס'האבן געלעבט א צוואנציק יידישע צווישן פינף הונדערט מאלדאוואנישע משפחות. אבער דאס ווענן וועלכן מען רעדט דא אזוי פיל, — יידישקייט, — דאס איז דארט געווען אזוי שטארק, אז כ'האב זיך געפילט ווי אף אן אומבאזיגבארן יידישן גיבראלטאר.

ערשט היינט פארשטיי איך דאס. דעמאלט האב איך עס ניט פארשטאנען. עס האט קיינער דערפון נישט גערעדט, פונקט ווי מ'האט נישט גערעדט וועגן דעם, אז די לופט איז זייער געזונט און אז מ'דארף זי אויפהאלטן ריין; אז די זון איז זייער מילד און מען וואלט דעריבער באדארפט קאנסערווירן אומגעמינערט איר ליכט, אדער אז די שווארצע ערד איז זייער פרוכפערדיק און מען דארף סטימולירן איר פריה־ורביה'דיקייט.

דאס יידישע אין די יידן איז דארט געווען אזוי ארגאניש און זעלבסטפארשטענדלעך, ווי בכלל דאס מענטשלעכע לעבן זייערס צווישן מענטשן, אדער ווי דער אומקאנדיציאנעלער ווילן פון דער נאטור אונדז אלעמען, דארט אויסצוהאלטן אין איר מאמעשן שויס.

דערפאר פלעג איך זיך ניט קענען צוגעוווינען צום געדאנק, אז פון איין זייט וועט אפגעווישט ווערן די זוניקע קראפט פונעם אייראפעישן יידנטום, א יידנטום אף וועמענס מאפע הונדערטער אזעלכע היימען ווי מיינע זיינען געווען ווי אומבאדייטנדיקע מיקראסקאפישע פינטעלעך, וועלכע מע

ציכנט אפילו נישט אַן און אַז, פון דער אַנדערער זייט, וועלן סאַטעליטן מוזן ווערן זונען...

רעכט דערפילט אונדזער בראַד האָב איך ערשט קריק מיט אַ פּאָר יאָר, ביים לייענען די ווייטער־קומענדיקע עטלעכע ווערטער, אין ד״ר עמיל זאַמערשטיינס אַ רוף:

„מיר אַפּעלירן צו אונדזערע אַמעריקאַנער ברידער אונדז ניט צו פאַר־לאָזן, מיר זאָלן זיך נישט מוזן פילן עלנט, נייערט ווי אַן אינטעגראַלער טייל פון יידישן פאָלק".

איך בין זיכער, אַז קיין איין ייד, וואָס האָט אויף זיין לעבן געטרונקען אַ גלאָז וואַסער, געגעסן אַ שטיקל ברויט און געהערט אַ יידיש וואָרט אין איי־ראָפּע, אַז קיין איינער אַזעלכער דאַרף אָט די רייד, פון ד״ר זאַמערשטיין, ניט לייענען מער ווי איין מאָל בכדי אַרויסצופילן די גאַנצע ביטערקייט פון אַ בעכער וואָס איז געגעבן געוואָרן די פּוילישע יידן אויסצוטרינקען ביז צום דנאָ.

מיין עקשנות׳דיקער גלויבן אין דער קראַפט פונעם אייראָפּעישן יידנ־טום האָט זיך אַ וואַקל געטון, כ׳אַנערקען עס, ביים לייענען ד״ר זאַמער־שטיינס רייד. אין גאַנצן געבראָכן, אָבער, — פאָרט נישט.

איך גלייב נאָך אַלץ, אַז דאָס וואָגיקסטע פון אונדזער פאָלק באַשטייט ניט אין פּרעכטיקע געזעלשאַפטלעכע בנינים, אין רייכע און פיין־קאַטאַלאָ־גירטע, אָבער ניט־באַנוצטע, ביבליאָטעקן, צי אין דער מעגלעכקייט צו דרוקן יידישע ביכער אויף פיין פּאַפּיר און זיי שיין איינצובינדן. איך גלייב נאָך אַז דאָס וואָגיקסטע פון אונדזער פאָלק באַשטייט אין מאַסן יידן, וואָס דער וילן צו לעבן ווי יידן איז בא זיי פּונקט אַזוי אָרגאַניש, ווי זייער ווילן צו לעבן בכלל. און אויב דאָס מאַסישע האָט אין אייראָפּע פאַרלוירן מיליאָ־נען, איז אָבער דער ווילן ניט פאַרמינערט געוואָרן. מען קען דאָס לערנען פונעם פאַקט, וואָס אַ פיצעלע הייפעלע יידן אין בוכענוואַלדער קאָנצענטראַ־ציע־לאַגער האָט באַלד נאָכן באַפרייט־ווערן געמוזט אַרויסקומען צו דער וועלט מיט אַ יידיש צייטונגל, „תחית־המתים". דער בוכענוואַלדער לעבן־געבליבענער ייד האָט, דעפינירט זיין אייגענעם מהות

אף א קורצן און שארפן אופן: „איד דרוק א יידיש ווארט — הייסט דאס: איד לעב”.

* * *

בכדי דאס אייראפעישע יידנטום זאל קומען צו די כוחות, מוזן מיר צו דעם צוליינגן א האנט. ווענן דעם קענען קיין חילוקי־דעות נישט זיין.

פאראן אבער א צווייטער מאמענט, וואס א סך פון אונדז מאכן זיך נישט זעענדיק. מען מאכט זיך, נעמלעך נישט זעענדיק, אז נאך דעם יוי מיר האבן אזוי פיל פארלוירן אין אייראפע קענען מיר זיך מער נישט פארגינען דעם טרויעריקן לוקסוס צו פארבלייבן אינעם „הינטערלאנד” פון קאמף פאר קיום אלס יידן. מיר מוזן זיך ארויסרוקן פארויס, פארנעמען פארנטיקע פאזיציעס. דאס קען געטון ווערן דורך א יידישער דערצ׳ונג. דורך אן ערנסטן יידישן שול־וועזן, ווי א באזע פאר א פולבלוטיק יידיש אויסלעבן זיך.

צווישן אנדערע הילפן פארן אייראפעישן יידנטום, גלייב איך באמונה שלמה, וועט דאס זיין א זייער וויכטיקע הילף. מיר מוזן דערפילן א נויט אין א קולטורעלער עליה אין א מאמענט ווען דאס פוילישע יידנטום — קוואנטיטאטיוו א רעדוצירטס — שטרעבט צו זיין א גלייכער שותף אינעם יידישן פאלק, ווי וועלכער ס׳ניט איז אמעריקאנער דרייסיק - צי אכציק־טויזנט־נפשות׳דיקער ישוב.

עס הייסט דאך, אז מיר קענען שוין ווערן „גלייך” צו די אייראפעישע יידן. איז איין טייל פון דער „אויסגלייכונג” שוין פאראנען: זיי, די פוילישע יידן, למשל, ציילן זיך שוין ניט אין די מיליאנען, נאר בלויז אין די צענדליקער טויזנטער, ווי מיר. פעלט נאך, אז מיר זאלן זיך איצט פארגינען די גלייכקייט דורכן באווייזן אונדזער נאציאנאלן לעבנס־ווילן, ווי די פוילישע, בוכענוואלדער אדער לינצער שיפס־ברוכיקע.

דאס שול־וועזן איז מצד דעם ישוב פארנאכלעסיקט געווארן. מצד דעם גאנצן ישוב — סיי רעכטע, סיי לינקע. א קליינער אבער גליקלעכער אויסנאם, זיינען בלויז די רעליגיעזע יידן.

אבער כאטש פון היינט אן און ווייטער מוז מען זיך דערצו א נעם טון.

איצט זעען מיר ווי עס הייבט זיך ביי אונדז אן א „שטיין־עפּאָכע": מע לייגט גרונט־שטיינער פאַר אייגענע, ספּעציעלע שול־בנינים.

שיינע און באַקוועמע שול־לאָקאַלן זיינען דער ערשטער און שלאָגע־דיקסטער אַרגומענט פאַר קינדער. טאָ זאָל מען אָנהייבן פון אַלף. שפּעטער וועט מען שוין זאָגן „בית" און „גימל"... דער אַלף־בית ציט זיך לאַנג...

ערשט ווען מיר וועלן דאָ־הי אויפבויען א נאָרמאַל יידיש לעבן, וועט אונדזער אַף קיין איין רגע ניט־אָפּגעשטעלטע הילף פאַרן אייראָפּעישן יידנטום, באַקומען איר ריכטיקן זין.

עס וועט אויפהערן זיין אַ הילף וואָס דאַרף מכפּר זיין די אייגענע אומבאַהאָלפנקייט, דאָס אייגענע ניט־יידישע אויסלעבן־זיך. ערשט דאַן וועט עס זיין אַ הילף פון אַ קיבוץ וואָס פאַרדינט צו זיין אַ רינג אין דער קייט פון צעזייט־און־צעשפּרייטע יידישע ישובים איבער דער גאַנצער וועלט. וואָס להכעיס רעאַקציע און אַסימילאַציע, ז יי נ ע ן ז יי ד אָ ס יי ד י ש ע פ אָ ל ק.

יידישע שולן — אויס נויט און ניט לשם מצווה.

אין כמעט אַלע אַרטיקלען וואָס זיינען לעצטנס דערשינען אין יידישע אויסגאַבעס אין שייכות מיט אונדזער שול־וועזן, איז אַרויסגעבראַכט גע־וואָרן דער געדאַנק, אַז מיר זיינען מחויב צו בויען יידישע שולן בכדי אַף אַזאַ אופן צו פאַרזיכערן אונדזער יידישן המשך און ספּעציעל זיינען מיר דאָס מחויב צו טון איצט, ווען אין אייראָפּע זיינען אומגעקומען די גרעסטע יידישע ישובים; פאַלט אַף אונדז אַ חוב ווי ווייט מעגלעך זיי צו פאַר־טרעטן אאַז"וו.

עס קומט אויס, אַז כל־זמן עס האָבן עקזיסטירט די רייך־איינגעפונ־דעוועטע יידישע ישובים אין אייראָפּע, זיינען די אַמעריקאַנער יידן געווען פּטור פון יידישקייט — און נאָך מער — פון דעם חוב ממשיך צו זיין

אונדזער קיום. עס קומט אויס אז מיט אט דעם המשך האבן מיר זיך שוין געהאט אף וועמען „צו פארלאזן". ערשט היינט, ווען יענע זיינען פאר־שניטן געווארן, צוזאמען מיט זייערע „אלטרואיסטישע" מעגלעכקייטן, ערשט היינט דארפן מיר איבערנעמען זייערע המשך־פונקציעס.

איז אבער דער אמת, אז דאס שאפן א יידיש לעבן, מיט יידישע שולן פ א ר א ל ע מ ע ן', איז ניט קיין ענין פון „געוויסן" און פון דער־פילן א חוב. קיינער וועט ניט לעבן מארגן און איבערמארגן, דערפאר ווייל ער וועט זיך בלויז האלטן אין איין אנגרייטן שפייז אף מארגן און איבער־מארגן. מען קען לעבן מארגן און איבערמארגן, ווען מען באַ־פרידיקט דעם איינגענעם הונגער ה יי נ ט . אויך די איירא־פעישע יידן פון פאר דער צווייטער וועלט־מלחמה האבן נישט געבויט קיין קולטורעל־יידיש־לעבן, ווייל זיי האבן זיך געוואלט אנגרייטן א שייד נעם מארגן, נאר דאזיקע קולטורעלע יידישע לעבן איז געווען א נא־טירלעכער רעזולטאט פון דעם וואס זיי האבן באפרידיקט זייערע טאג־טעג־לעכע היינט־באדערפענישן אין א יידישן אויסלעבן זיך.

דאס יידישע קולטורעלע אויסלעבן זיך איז ביי זיי נישט געווען קיין עולא־הבא־ציל, נאר אן עולם־הזה־מוז. זיי האבן זיך גענייטיקט אין יידישע צייטונגען, ביכער, שולן, קאנצערטן פון יידישער מוזיק, רעפעראטן, רעציטאציעס און דיסקוסיע־אוונטן, פונקט ווי זיי האבן זיך גענייטיקט אין ברויט און מילך. דער באגריף „גייסטיקע שפייז" האט זיך טאקע געקענט פארוואנדלען אין אן איראניזירנדיקן הכמה'לע ביי יידישע הומאריסטן, אבער ער האט פארט אויסגעדריקט דעם מהות פון יידיש־וועלטלעכן מענטש אין די אייראפעישע שטעט און שטעטלעך.

יידישע שולן זיינען דער עלעמענטארער באדינג פאר אונדזער ווייטער־דיקער עקזיסטענץ אלס יידן, אבער אט די שולן וועלן, ליידער, בשום אופן נים אנטשטיין דערפאר, ווייל עמעצער וועט איינזען, אז מען דארף זיי צו־ליב דערינען האבן. עס איז זייער שווער צו גלייבן, אז אזא ארבעט זאל קו־מען ניט מער ווי א רעזולטאט פון „גוטן ווילן".

גאנצע שטעט מיט זייערע בנינים, די אויסגעפלאסטערטע גאסן און

ביימער־אליעס, זיינען ניט אויפגעקומען דערפאר, ווייל עמעצער האט מיט זיי געוואלט באגליקן די צוקונפט. זיי זיינען אויפגעקומען ווי א באפרידיקונג פון די באלדיקע באדערפענישן פון גאנצע דורות. און אויב מיר פילן נישט קיין נויט אין יידישן אויסלעבן זיך טאקע איצט, שוין היינט, וועלן מיר אזא יידיש לעבן אוודאי נישט איבערלאזן הינטער זיך לשם מצוות־המשך וועגן.

דאס הייסט, אז שולן זיינען דא דארט ווו עמעצער האט זיי באדארפט צו האבן און שולן זיינען נישטא דארט, ווו זיי האבן קיינעם נישט אויסגעפעלט, אדער זיי האבן העכסטנס אויסגעפעלט אזא מיעוט, וואס האט זיי נישט געקענט בויען.

אויך די סאציאלע רעוואלוציע קען אין ערגעץ נישט קומען א דאנק „איבערצייגטע" בעלי־טובות, נאר א דאנק די קרבנות פון די יעניקע, וועלכע נייטיקן זיך אין איר.

נישט צוליב די היינטיקע בלויז שפאניש־רעדנדיקע יידישע חברה פון דרום־אמעריקע, זיינען די בילו'ים געפארן קיין ארץ־ישראל אוועקצוליגן זייערע ביינער אין די דארטיקע זומפן און זאמדן, נאר ווייל די יסורים פון לעבן אין גלות האבן שוין געהאט דערגרייכט ביז אין האלדז אריין, דערפאר ווייל ס'איז שוין געווען ביי זיי „מים עד נפש".

מען מוז אויך איינזען, אז מען קען נישט זיין גענוג יידן בלויז מיטן העלפן בויען א יידיש לעבן אין איראפע. דאס קען העכסטנס באווייזן, אז מיר זיינען איבערגעגעבענע פריינט פון אזא יידיש לעבן דארט. דאס קענען, אבער, זיין אויך ניט־יידן. פריינט פון יידן האבן געקענט זיין א טייל פראנצויזישע גלחים און די האלענדישע מאסן, צי שוין אפגערעדט די ראטנפארבאנדישע פעלקער. אט באהויפטן פירער פונעם יידישן וועלט - קאנגרעס, אז בכדי צו לייזן די נויטן פון איראפעישן יידנטום, וועט מען מוזן אנקומען צו אינטערנאציאנאלער הילף; איז ווען מיר וועלן אט די הילף באקומען, וועט עס דאך נישט באווייזן, אז די פעלקער וואס העלפן זיינען געווארן יידן.

מיר מוזן באווייזן, אז ס'איז מעגלעך דורך דער יידישער שפראך צו געבן אונדזערע קינדער די גרויסע נאציאנאלע און סאציאלע אמת'ן און

ווערטן און די עטישע און עסטעטישע פערל פון אונדזער פאלקס אלטער קולטור. מיר דארפן באווייזן אונדזערע קינדער, אז דורך יידיש קען מען זיך באקענען מיטן געוועב פון די אלוועלט - פראבלעמען, פון וואנען עס קומט אויך דאס אנגעוויטיקטע פון אונדזער היינט און די ליכטיקסטע האפענונגען פאר אונדזער מארגן.

מיר מוזן באַיאַען דעם אקסיאמאטישן געדאנק, אז נאך העברעיש (כראנאלאגיש) איז יידיש די איינציקע שפראך אף דער וועלט, וואס איז אויסגעשמידט געווארן אף דער קאוואדלע פון יידישער נויט און פראבלע־מאטיק אונטער די קלעפ פון א האמער וואס הייסט: פאלקס־ווילן צו לייזן אט די אלע פראבלעמען: עקאנאמישע, פאליטיש - סאציאלע, קולטורעלע און קינסטלערישע.

נאך אמאל: פארשטייט זיך, אז די שולן וועלן פארזיכערן א יידישן נאכוווקס, אבער האפן, אז צוליב אזא נאכוווקס וועט עמעצער בויען יידי־שע שולן — איז אומזיסט. קיינער טוט גארנישט צוליב עולם־הבא. טון טוט מען עפעס נאר, ווען מען פילט א באלדיקע, דירעקטע באדערפעניש אין דעם נעטוענעם.

אויב מיר פילן ניט קיין שום שיינקייט אין אונדזער אייגענעם לעבן, וועלן מיר במילא ניט פילן קיין נויט מיט אזא א מין שיינקייט, וואס מיר פילן ניט, מהנה צו זיין די וואס זיינען אונדז אמטייערסטן און ליבסטן: אונדזערע קינדער. אויב מיר האבן אזוי שטארק ליב דעם תנ"ד, פרצ'ן, שלום־עליכמ'ען, ביאליקן צי אליעזר שטיינבארגן, וואלטן מיר באדארפט אוועקגעבן יארן פון אונדזער לעבן, בכדי אט די באליבטע שאפונגען אי־בערצולאזן בירושה אונדזערע קינדער, פונקט אזוי ווי מיר גיבן אוועק יארן פון אונדזער לעבן בכדי אונדזערע קינדער איבערצולאזן בירושה הייזער, געשעפטן אדער אנדערע ערדישע רייכקייטן.

ווען יעדער איינער וואלט אזוי געזוכט צו לייזן די „המשך־פראגע", אונטער זיין אייגענעם דאך, ביי זיינע אייגענע בני־בית, וואלט דער יידישער כלל אין אמעריקע מער ניט געהאט קיין „המשך־־פראגע", נאר א המשך...

אף יסודות פון אַרבעט

פון צייט צו צייט שטויסט מען זיך אן אין דערשיינונגען ביי וועלכע מען מוז צוגעבן, אז אונדזער ספּעציעל - „צוגעשניטענע" געשיכטע האט פון אונדז געמאכט א „מאדנע" פאלק. ס'איז ניט דער „אתה בחרתנו"-יזם וואס אונדזערע זיידעס האבן זיך איינגערעדט ווי א טרייסט-מיטל צום שווערן לעבן זייערן, אבער זעסט פארט, אז מיר זיינען דאך אנדערש, ווייל אנדערש איז פארט אונדזער לאגע און אונדזער גאנץ זיין אף דער ערד. די דאזיקע אנדערשדיקייט דריקט זיך אויס אין געוויסע „סופּערנארמאלע" און אנדערע „סובנארמאלע" שטריכן, אין פארגלייך מיט אנדערע אומות-העולם.

מיר וועלן זיך דא אפּשטעלן נאר אף צוויי פון זיי, וואס קערן זיך אן מיט אונדזער ענין.

זיין א ייד אין גלות — דאס איז זייער א הויכע בחינה; און מיטן אויסנאם פון די זיבן-הונדערט טויזנט יידן פון ארץ-ישראל, ווו דער גאנצער ישוב איז ערשט אלט א פּאר צענדליק יאר, קען מען זאגן, אז „זיין א ייד — דאס איז א הויכע בחינה.

נישטא נאך א פאלק אף דער וועלט וואס זאל, אזוי ווי מיר, זיין א פאלק כאטש עס האט נישט קיין לאנד, נישט קיין צענטראלע רעגירונג, נישט קיין נאציאנאלן הימן וואס זאל אלס אזעלכער אנערקענט ווערן פון גאנצן פאלק, נישט קיין פאן און נישט קיין נאציאנאלן הערב (אפילו דעם מגן-דוד ווילן דאך נאך א סך יידן נישט אנערקענען אלס א ל ע מ ע נ ס) און אויך נישט קיין איין און איינציק לשון. מיר האבן נישט די אלע עלעמענטן וואס זיינען ביי אלע נארמאלע פעלקער די אייגנטלעכע פ ו ר ע מ ס פון זייער פאלקישקייט און מיר זיינען דאך א פאלק, א געקניפּטס און געבונדנס צווישן זיך, ווי צעהאקט אף שטיקלעך מיר זאלן נישט זיין. א פאלק וואס די וועלט מוז זיך דערמיט רעכענען ווי מיט אזעלכן, ווי שטארק זי זאל אונדז נישט וועלן מאכן פארגעסן דעריין סיי מיט בייזן (טרעבלינקע), סיי מיט „גוטן" (אסימילאציע).

איז דאָס ניט העכער ווי נאָרמאַל?

פֿון דער אַנדערער זייט מוזן מיר צוגעבן, אַז אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע פֿעלקער זיינען ביי אונדז פּראָפּאָרציאָנעל צו גרויסע טיילן פֿון פֿאָלק אומפּראָדוקטיוו, אומפּראָדוקטיוו ביז שפלות׳דיקער סובנאָרמאַלקייט. גרויסע טיילן זיינען „קראַנק״ אַף צו נעמען זיך צו פֿיזישער אַרבעט. זיי זיינען באמת קראַנק, זיי אַרבעטן ניט, ניט ווייל זיי ווילן נישט, נאָר ווייל עס דאַכט זיך זיי, אַז זיי קענען ניט. און די דאָזיקע דאַכטעניש, די דאָזיקע איינגערעדטע קרענק איז אַ געפֿערלעכע קרענק, אפשר נאָך געפֿערלעכער ווי די אַזוי־גערופֿענע „אמתע״ קראַנקייטן.

די דאָזיקע אומפּראָדוקטיווקייט צוזאַמען מיט דער איינרעדעניש, אַז אַן אַרבעטער, אַ בעל־מלאכה איז אַ פּלעק אין דער משפחה און אַז אַרבעטן פֿיזיש איז גאָר „שווער״ און „צאָלט זיך ניט אויס״ — איז אַף אונדז אַרויפֿגעצוווּנגען געוואָרן מצד די רוימער און זייערע יורשים. די רוימער האָבן אונדז פֿאַרטריבן פֿון אונדזער היימלאַנד ווו מיר האָבן געפֿירט אַ סאָציאַל־עקאָנאָמיש נאָרמאַל לעבן און זייערע יורשים, די פּעאָדאַלע און אַליינהערשערישע מושלים. פֿון די יונגע אייראָפּעישע פֿעלקער צווישן וועלכע מיר זיינען צעזייט געוואָרן, האָבן אונדז נישט צוגעלאָזט צו קיין ערד־אַרבעט און צו קיין מלאכה.

אַזוי אַז די ניט־פּראָדוקטיווקייט האָט זיך בא אונדז אָנגעהויבן מחמת בעל־כרחו׳דיקייט.

פֿון בעל־כרחו׳דיקייט איז זי בלית־ברירה, געוואָרן אַ הרגל און פֿון הרגל צו טבע איז דאָך שוין גאָר אַ קורצער שריט.

די דאָזיקע אַרויפֿגעצוווּנגענע טבע׳דיקייט ווייזט זיך איצט אַרויס אויך אין אַזעלכע לענדער, ווו די בעל־כרחו׳דיקייט איז שוין לאַנג פֿאַרשוווּנדן.

קענען אָט דער־אַ טבע׳דיקייט, וואָס האָט שוין מער ניט קיין אויסערלעך־אָביעקטיווע באַרעכטיקונגען, קעמפֿט באַשיידן, אָבער קעמפֿט דאָך, „אָ ר ט״.

אין ראַטנפֿאַרבאַנד און אין ארץ־ישׂראל איז אַזאַ אינסטיטוציע ווי „אָרט״ אוודאי ניט נייטיק.

אין ראַטנפאַרבאַנד — ווייל די פּראָדוקטיווע געזונטקייט פונעם ביר־גער איז נישט פאַרלאָזט אפן בּאַראַט פון פּריוואַטע, „גוט־ווילִיקע" אינס־טיטוציעס, נאָר איז אַ באַזישער פּרינציפּ פון דער מלוכה.

אין ארץ־ישראל — ווייל די אויספאַרמירונג פון אַ נאָרמאַלער נאַציע מיט אַ נאָרמאַלער עקאָנאָמיק, לויט די מעגלעכקייטן פון לאַנד, וועט שוין במילא אויספאָרמירן אַלע געזונטע פּראָדוקטיווע שטאַנדן פון אַ געזונטן פאָלק אף זיין ערד. די דאָרטיקע רעגירונג, הגם ניט קיין סאָציאַליסטישע, וועט צווישן אירע אויפגאַבעס, ווי יעדער קאַפּיטאַליסטישע אָבער פּראָגרע־סיווע רעגירונג, האָבן אויך די פון שאַפן אַ טעכניש־אינדוסטריעל שול־וועזן.

אין אַלע אַנדערע לענדער פון דער וועלט ווו עס געפינען זיך יידישע ישובים, מוזן אַט די ישובים אַליין פאַר דעם זאָרגן. יידישע כלל־טוער האָבן דאָס שוין לאַנג פאַרשטאַנען, נאָך אין 1880, ווען זיי האָבן געגרינדעט די „אָרט"־אָרגאַניזאַציע. ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט וועגן דעם געשריבן באַלד אין זיינע ערשטע אַרטיקלען וועגן יידישע פּראָבלעמען. דאָס איז אַפּילו געווען איינער פון די יסודות, אָדער טאַקע דער יסוד פון זיין „גלות־נאַ־ציאָנאַליזם". אין דער זאַמלונג פון זיינע כתבים, וואָס דער צענטראַלער „איקוף"־פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן, „ייד און וועלט", אף דער זייט 230, טרעפן מיר אַזאַ פּסוק:

„...שוין היינט, אונטער דער קאַפּיטאַליסטישער הערשאַפט, דאַרפן מיר אומעטום, ווו דאָס איז נאָר מעגלעך, לייגן די ערשטע בוי־שטיינער פאַר דעם אויסבוי פון אונדזער סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן אף די יסודות פון אַרבעט בכלל, ערד־אַרבעט בפרט."

אין יענע ווייניקע לענדער ווו עס זיינען שוין אַפילו דאָ רעגירונגס־פאַר־שולן, זיינען זיי אין זייער אַ קנאַפּער צאָל, און קענען בשום־אופן ניט אויפנעמען אַלע די יוגנטלעכע וואָס קומען זיך אין זיי פאַרשרייבן. עס ווערן אין זיי דעריבער פאַר אַלעמען אויפגענומען לאַנד־געבוירטיקע און ניט אַזעלכע וואָס טראָגן „פרעמד"־קלינגענדיקע פאַמיליע־נעמען...

הייסט עס, אַז אַזעלכע שולן מוז מען זיך אַליין שאַפן.

עטלעכע יידישע ישובים פון דרום־אַמעריקע — אַרגענטינע, בראַזיל, טשילע און אורוגוויי — האָבן באַוויזן מיט דער הילף פון „אָרט" - וועלט־

פארבאנד, אוועקצושטעלן אזעלכע שולן אין די הויפטשטעט פון זייערע לענדער. דאס הייסט, אז צו דער אויסבילדונג פון אינדוסטריעל-געשולטע עלעמענטן האבן זיי אויך צוגעטראגן א חלק: פרעכטיקע, גרויסע לאקאלן, גערוים-געשטעלטע ארבעטס-טישן, שפאגל-נייע, מאדערנע מאשינען און מכשירים, לערן-זאלן מיט א סך זון און לופט, אבער... צו וויניק תלמידים.

די דאזיקע יידישע ישובים דארפן זיך ניט אפשטעלן ביים געבן זייערע לענדער און זיך אליין בלויז פאר-שולן. די דאזיקע ישובים מוזן גיין ווייטער און געבן זיך און זייערע לענדער א סך הונדערטער יידישע פאכלייט, גוטע מעכאניקער, עלעקטרא-טעכניקער, מעבל - ספעציאליסטן, האלץ-און מעטאל-טאקערס. די שולן קענען אויסגעברייטערט ווערן און עפענען נייע אפצווייגן, אדער גאנץ נייע פאר-אפטיילונגען. עס איז נייטיק אין אונדזער לעבן אריין, אז יידן זאלן היינט אויפנעמען ערנסט דאס גאנצע מין פאר-קענטעניש.

לא'מיר האפן, אז עס וועט ניט געלינגען די וועלכע ווילן אריינשלעפן די וועלט אין א נייער בלוט-באד. אין אזא מין פאל מוז קומען דער „יארהונדערט פון דורכשניטלעכן מענטשן", ווי הענרי וואלאס האט אים דעפינירט. דער לעבנס-שטאנדארט פונעם דורכשניטלעכן מענטשן וועט געהעכערט ווערן. עס וועלן פארגרעסערט ווערן זיינע מעגלעכקייטן צו געניסן פון אלע דערגרייכונגען פון דער ציוויליזאציע און קולטור. זיין לעבן וועט איצט ווערן לייכטער און שענער, אויסגעאיידלטער. זיין און זיינע קינדערס מארגן וועט זיין א פארזיכערטער. עס וועלן מער ניט וואקסן קיין דורות פון נעבעכדיקע מענטשן, פארטעמפטע מחמת זארג וועגן ארבעט, מחמת זארג צו בלייבן מחוץ די פראדוצירנדיקע מחנות, ווי עפעס איבעריקע.

פון דעם דאזיקן דורכשניטלעכן מענטשן וועט אבער עפעס אויך געפאדערט ווערן. איין זאך נאר: ער זאל עפעס קענען ש א פ ן, עפעס קענען ט ו ן, קענען עפעס געבן אלעמען. נאר דעמאלט וועלן אלע אויך אים ארייננעמען אין כלל פון די פארזארגטע. אויב ער וועט קענען א ר ב ע ט ן עפעס פראדוצירן. אף דעם מוזן זיך אלע ריכטן.

יידן אויך. אין דער נאָך־מלחמה'דיקער אייראָפּע ווערט עס פון טאָג צו טאָג מער פּאַקט.

ס'איז שוין צייט אויפצוהערן זען שיינקייט בלויז אין זיין אַ דאָקטער אָדער אַדוואָקאַט. עס איז דאָ אַן אַ שיעור שיינקייט און שטאָלצער קראַפט־אויסדרוק אויך אין קענען צענעמען און צונויפשטעלן אַ מאָטאָר, פאַרשווייסן אַ שינע פון אַ באַן־ליניע אָדער אויסטאָקן אַ שרויף־טייל פון אַ מאַשין.

א סך פון אונדז האָבן באַדאַרפט אַזאַ מין פאַך־שול אין די יאָרן פון זייער לעבנס־באַגינען. דאָן זיינען אַזעלכע נישט געווען און אויב היינט זיינען זיי יאָ דאָ, דאַרף מען זיי אויסנוצן.

מיר האָפן אַלע, אַז דער דאָזיקער אויפוואַקסנדיקער דור וועט שוין ניט וויסן פון קיין אַנטיסעמיטיזם. אויב אָבער רעשטן זאָלן נאָך פאַר־בלייבן אויך אף דאָן, ווען אונדזערע קינדער וועלן זיין דערוואַקסענע מענטשן, מוזן מיר פון איצט זיך זאָרגן, — אין א ו נ ד ז איז דאָס געווענדט — אַז אין אַפוּוער קעגן אַנטיסעמיטיזם זאָלן זיי זיך ניט דאַרפן פאַרופן נאָר אף איינשטיינען, אף לעאָן בלומען, אף שפּינאָזען צי גאָר אף די מיטדערפינדער פון דער אַטאָמישער באָמבע.

זאָלן זיי זיך בעסער קענען פאַרופן אף יחוס־עצמם. און זייער יחוס וועט זיין דער חשוב'סטער, אויב ער וועט זיך קענען אויסדריקן אין מוסקו־לירטע אָרעמס, געזונטע גופים און פלייסיקער אַרבעט־פעיקייט אין אַ וואַרשטאַט אָדער פאַבריק גלייך ווי אַלע ניט־יידישע בירגער פון באַ־טרעפנדיקן לאַנד.

דאָס זאַמד פון אונדזערע פּליאַזשעס איז אַזוי צאַרט און גלעטנדיק. עס איז אַזוי גוט דערויף צו ליגן און זיך לאָזן קושן פון דער מילדער זון, זיך צוצוהערן צום סוד פון אַ כוואַליע אָדער אַ פאַרשייטן ווינטל, אָבער אף אַט דעם זאַמד בויען די צוקונפט פון אונדזערע קינדער — טאָ־רן מיר נישט.

די צוקונפט פון אונדזערע קינדער מוזן מיר בויען אף יסודות פון כלל־נוצלעכער אַרבעטס־פעיקייט. אף ערנסטער פאַך־באַהערשונג. ווייל

נאר אף אזעלכע יסודות, אויסשליסלעך, וועט זיין געבויט די נייע וועלט, אין וועלכער מיר ווילן האבן אונדזערע קינדער אלס שטאלצע שותפים.

נאך אלעמען האט זיין טאטע פאר אים גארניט געטון...

ער איז אלט א צוואנציק יאר, א בן־יחידל. אן איידל־געפיעשטשעטער ביי זיינע עלטערן. דער טאטע זיינער האט שטענדיק געגראבן די ערד מיט דער נאז און דורכגעזוצט, אז זיין הויז זאל אויסזען ניט ווייניקער באלע־באטיש ווי די הייזער פון אלע אנשטענדיקע און חשובע יידן פון שטאט. מיט וואס פאר א שוועריקייטן דאס איז אים אנגעקומען — האט נאר ער אליין געוווסט. אביסל — אויך די פרוי. דער זון — גארנישט. ער האט קיין אנונג נישט געהאט פון וואנען עס נעמט זיך יעדן אינדערפרי אף זייער טיש מיטן וויים־אנגעקראכמאליעטן טישטוך — פריש ברויט, מילך, פוטער, האניק און פון וואנען עס שטאמען בכלל די אלע געשמאקע מיטיקס און וועטשערעס; די פיין־גענייטע קאסטיומען זיינע און די פריילעך־קלינגענדי־קע מטבעות, וואס ער באקומט אזוי לייכט פון טאטע־מאמע און גיט זיי נאך לייכטער אויס, ביים פארברענגען מיט חברים.

ער האט נישט געוווסט און ס'איז אים נישט אנגעגאנגען. אזוי האט אים זיין טאטע געלערנט: ד י ד גייט דאס אלץ נישט אן. עס און טרינק, גיי שיין אנגעטון, חבר זיך מיט די פיינסטע קינדער אין שטאט; אט האס־טו געלט אף בחורשע הוצאות און דאס איינציקע וואס דו דארפסט טון איז לערנען.

אף וואס?

אף אדוואקאט. ניט מער און ניט ווייניקער.

דער טאטע האט געוווסט, אז זיין זון האט אן איינגעבוירענעם חוש

פאַר יושר (וועמענס איינציקער זון האָט עס נ י ט ?...) וועט ער קענען זיין אַ גערעכטיקייט־פּאַרטיידיקער.

וויפל יאָר מע דאַרף דערויף לערנען; צי קען מען שפּעטער האָבן אַרבעט; צי נייטיקט זיך די געזעלשאַפט אין נ אָ ך אַזעלכע אומגעבעטענע דאָן־קיכאָטן — דאָס אַלץ האָט דער טאַטע נישט באַרעכנט. ער האָט אַפילו נישט באַרעכנט צי ער וועט בכלל קענען אויסהאַלטן זיין זון ביז ער וועט מיט מזל „ענדיקן".

און אין איינעם אַ וואָכנדיקן טאָג איז עס געקומען: דער טאַטע איז אין יענעם טאָג אַ סך אַרומגעלאָפן. סע זענען גראָד געווען עטלעכע וועקסעלעך צו סילוקן אין דעם טאָג.. ער האָט גערדייט, געקאָמבינירט, זיך אַלץ געהאַלטן אין איין אַן עצה־געבן: אַלעמאָל פאַרשטאָפּט אַן אַנדערן לאָך, זיך געצאַפּלט, ווי אַ שווימער מיט די לעצטע כוחות, ניט דערטראָנקען צו ווערן, נישט צו פאַלן. פאַרנאַכט, שוועבנדיק אין גאַס אַ פאַר־שמייעטער, האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ, ער האָט גע'חלש'ט און שפּעטער געמוזט בלייבן ליגן צו בעט. דאָקטוירים האָבן אים זייער געטריי און אויפריכטיק געראָטן: וואָס מער רוען, ווי ווייט מעגלעך טאַקע ליגן, ניט לייענען קיין סך, גאַרנישט זאָרגן, זיך ניט אויפרעגן, ניט רעדן צופיל און בכלל זיך היטן, ווייל ס'האַרץ איז ביי אים אַביסל ניט אַזוי ווי סע וואָלט באַדאַרפט צו זיין.

דער טאַטע האָט די ערשטע טייל פון די עצות אויסגעפילט. אַ ברירה האָט ער געהאַט? ער איז געלעגן, ווייל ער האָט זיך סיי־ווי מער נישט געקענט אויפהייבן. וועגן נישט זאָרגן און נישט אויפרעגן זיך — האָט ער שוין ניט געקענט נאָכקומען דעם גוטן דאָקטערס אָנווייזונגען.

און דער בן־יחיד?

— ער האָט מיט גרויס חידוש אַנטדעקט, אַז דער טיש גרייט זיך ניט מער אַזוי בהרחבהדיק ווי פריער, דאָס וועש וואַשט זיך ניט איבער אויז מילך, פּוטער און ברויט אַפילו — קומען שוין אויך ניט אין שטוב אַריין אַזוי „אויטאָמאַטיש" ווי פריער. עס האָט אים אויך אָנגעהויבן אויספעלן קליינגעלט אין קעשענע. אַפילו אויף אַ טראַמוואַי האָט מען געדאַרפט „אויסקאָמבינירן" עטלעכע סענט. ס'איז פאַרשוווּנדן דער זאָרגלאָזער

גלאַנץ פון זיינע אויגן. אַ דין שלייערל פון אומעט האָט זיך אָף זיי אי־בערגעצויגן. די חברים האָבן זיך אים אויך אָנגעהויבן צו צעגיין ווי צווישן די פינגער. עפּעס איז ער אין גאַנצן געבליבן שטיין ווי אַן אַראָפּגעפאַלענער פון דער לבנה.

מיט אַמאָל האָט ער אַנטדעקט, אַז איצט מיינט מען עס אים, אַז ער אַליין מוז איצט ווערן דער פרנסה־געבער.

פון לערנען איז שוין אָפּגערעדט, אַז ער האָט מער נישט געטראַכט. ער האָט שוין דווקא געפּועלט ביי זיך צו גיין אַרבעטן. מילא, ס'איז טאַקע נישט קיין יושר; ער איז אוודאי געבוירן געוואָרן פאַר „עפּעס אַנדערש", אָבער אַזוי איז דאָס אומגערעכטע לעבן. האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז ער קען גאָרנישט טון; ער האָט גאָרנישט וואָס אָנצובאָטן דעם אַר־בעטס־געבער.

איז ער איצט געשטאַנען און פאַר מיר, דעם לאַנג־יאָריקן פריינט פון זיין פאָטער, זיך אויסגערעדט דאָס ביטערע האַרץ און די ווערטער זיינע זיינען אַרויסגעקומען איבערגעריסענע, גלייך ווי עס וואָלט אים עפּעס גע־וואָרגן אין האַלדז: „אַז מיין טאַטע האָט מיך גאָרנישט געלערנט".

— קיינער פרעגט מיך נישט, צי כ'קען לאַטיין, ליטעראַטור, געשיכטע אָדער איטאַליעניש. אַלץ וואָס איך קען — דאַרף קיינער נישט האָבן. עס ווייזט זיך אַרויס ערשט איצט, אַז פון דעם אַלעמען וואָס איך פאַרמאָג — פאַרמאָג איך אין דער אמתן גאָרנישט, גאָרנישט, און דערפאַר ב י ן א י ך איצט גאָרנים. וואָס האָט מיר מיין טאַטע אָפּגעטון?

איך האָב, ביים דערהערן זיינע ווערטער, געטראַכט: אָדער „ער פלאָ־נירט" פסוקים פון „אַרט"־ליטעראַטור, אָדער די „אַרט"־גרינדער האָבן אים אַמאָל געהערט . . .

און ס'איז טאַקע געבליבן ביים צווייטן: די „אַרט"־גרינדער האָבן זיך צוגעהערט צו זיינס־גלייכן. ס'האָבן נישט געפעלט אַזעלכע אונטערגעשאָ־סענע פייגל ווי ער, מיט עטלעכע־און־זעכציק יאָר צוריק, זיי פעלן נישט היינט און ווער ווייסט ווען זיי וועלן פאַרשווינדן. טויזנטער יידישע יונגעלייט וואָס זיינען, מיר־נישט דיר־נישט, אין אַ טאָג געבליבן שטיין איינע אַליין אינמיטן

א גרויסער, שטרענגער וועלט, ניט צוגעגרייטע און אומבאוואפנטע מיט פרנסה־כלי־זין ווי פארבלאנדזשעטע שעפעלעך אין א זשונגל.

ווען כ'האב פארגליכט דאס אויסזען פון אט דעם בחורל, וואס איז געשטאנען פאר מיר אזא דערשלאגענער מיטן „שטעל" פון די צענדליקער „ארט"־שילערס וואס איך קען, ווי זיי זיינען עם עפעס אזעלכע זיכערע ביי זיך, ווי זיי ארבעטן מיט באגייסטערונג אין ווארשטאט, מיט וואס פאר א קינדערישן ערנסט זיי טראגן זייערע קויטיקע „אוועראלס", מיט וואס פאר א חשיבות זיי שטעלן „מידע" טריט, ווי עלטערע יארן־לאנג ־ אויסגעהא־רעוועטע „ארבעטארערס" און ניט קיין תלמידים... ווען איך האב דאס אלץ פארגליכט מיט אט דעם בחורל, האט ער אין מיינע אויגן אויסגעזען נאך א סך קלענער, ווי איינגעוואקסן, נאך מער אומבאהאלפן.

אים האב איך איצט גארניט געזאגט וועגן יענער חברה, וואס איך האב נאר וואס „געזען"... אין דעם מאמענט וואלט עס געהייסן אים שיטן זאלץ אף די וונדן. שמארצנדיקע וונדן פון א פילבארער יונג־בחורישער נשמה. איך האב אים ווי ווייט מעגלעך געטרייסט מיט עטלעכע באנאלע, זייער וויניק ־ זאגנדיקע ווערטער און זיך געזעגנט. וואס האב איך אים געקענט העלפן? וואלט אים זיין טאטע נאך געקענט אויסהאלטן א צוויי יאר, וואלט ער אים איצט אוודאי שוין אריינגעגעבן לערנען א פאך — קען ער דאך אבער מער ניט.

כ'ווייס ניט צי ער איז שוין א פארפאלענער. אבער צענדליקער און הונדערטער יידישע יוגנטלעכע וואלט מען נאך געקענט פארהיטן פון אזא מין מצב.

ווי אזוי די עלטערנס לאגע זאל דערוויל נישט זיין, אבער די קינדער דארף מען גיבן א פאך אין דער האנט אריין. נאר דערמיט קענען זיי פאר־היט ווערן פון שפלות, פון פארביטערטקייט און פונעם באוווסטזיין, אז נאך אלעמען האבן דאך די טאטעס פאר זיי גארנישט געטון...

פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי
ביז „ד״ר חיים זשיטלאָווסקי״

מיט אריבער א האלבן יאָרהונדערט צוריק האָט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי אנגעהויבן איינצוטענהן, מינדלעך און שריפטלעך, אַז יידן טאָרן נית אנטלויפן פון זיך אַליין און אַז אויב עס איז דאָ אַ גרויסע צאָל יידישע „אינטעליגענטן", וואָס זיינען שוין יאָ אַנטלאָפן און אין ערגעץ סיי ווי ניט אַנגעקומען, נאָר געבליבן הענגען אין דער לופטן, ניט אַהין און ניט אַהער, זאָלן זיי זיך צוריקערן און העלפן אויסבויען אַ וועלטלעכע יידישע קולטור: העלפן אויסבויען אַזעלכע מיני גייסטיקע אויסדרוק־פאָרמען וואָס זאָלן קענען אויפגענומען ווערן פון יידן וואָס לעבן זיך פיזיש און מאַטעריעל אוים אין די ספּעציפישע באַדינגונגען פון אונדזערע צייטן און מקומות, ווו דאָס רעליגיעזע פאַרלירט וואָס אַמאָל מער זיין השפּעה.

ווען מע נעמט אין אַכט, אַז וועלטלעכע קולטור ביי יידן איז צו יענער צייט געווען רעדוצירט כמעט צו איין און איינציקער קונסט, דער ליטעראַרישער, זעט מען ס'אַראַ דרייסטקייט עס האָט פאַרמאָגט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי. - ווייל יידיש איז מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט און נאָך מער צוריק דאָך ניט געווען דאָס יידיש פון היינט. יענץ יידיש איז געווען אַזוי ענלעך צום היינטיקן ווי ענלעך עס איז אַ זון־זייגער צו אַ לעצט־מאָדעליקן, שווייצאַרישן „עלעקטיאָן"־זייגערל, אָדער אַזוי ווי ס'איז ענלעך די שיין פון אַ חלבן ליכט צו דער שיין פון אַ הונדערט־וואַלטיקן עלעקטרישן לעמפּל.

— נאָר וואָס דען?

. — ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געגלייבט אין די אַנטוויקלונגס־מעגלעכקייטן פון יידישן לשון. ער האָט געפילט און פאַרשטאַנען, אַז אַ לעבעדיק לשון קוואַלט אייביק מיט נייע אויסדרוק־פאָרמען פאַר די נייסטע דערשיינונגען און באַגריפן און עס קען זיך שטענדיק פון זיך אַליין.

פּרוכּפּערן און מערן און אַף אַזאַ אופן „דעקן" אַלע באַדערפעניש̣ן פונעם טאָג־טעגלעכן לעבן מיט זיינע דינסטע ניואַנסן.

און ווייל ער האָט „געהאַט צוטרוי" צו דער יידישער שפּראַך, האָט ער אַוודאי אויך געקענט גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון אַ וועלטלעכער קולטור אַף יידיש. ווייל וואָלטן יידן בכלל געווען אַ פאָלק אָן קולטור. איז, מילא, קען מען אפשר טראַכטן צי ס'איז מעגלעך צו באַשאַפן אַ יש־מאין (אגב, האָט מען אין ראַטנפאַרבאַנד באַוויזן אַריינצוברענגען קולטור־ליכט אויך צו פעלקער אָן אַלף־בית'ן), אָבער אַזוי ווי יידן האָבן שוין, ניט צו פאַרזינדיקן, מיט דריי טויזנט יאָר צוריק געהאַט דערגרייכט איינע פון די העכסטע קולטור־מדרגות, האָט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי געקענט לערנען אַ לאָגישן אויספיר:

אויב דעמאָלט ווען די רעליגיע איז געווען די פיינסטע מאַניפעסטירונג פון דער מענטשלעכער נשמה האָבן יידן געגעבן דער וועלט דעם מאָנאָטעיזם —

איז איצט, ווען מיליאָנען מענטשלעכע נשמות נייטיקן זיך מער ניט אין רעליגיעז - אַלעגאָרישע מיטלען פאַר זייער דערהייבונג, נייערט זיי קענען צו איר קומען דורך ניט־פאַרשלייערטע ווערטער און ווערטן, טאָ וועלן יידן אויך איצט זיך קענען דערשלאָגן צו אַ געוויסער הייך אַפן נייעם קולטור־פעלד מיט וועלכער זיי זאָלן זיך ניט דאַרפן שעמען פאַר אַנדערע פעלקער.

ווייל דער עיקר איז דאָך, אַז עס זאָל זיין אַ זון און אַן ערד וואָס זאָל זיך אַרום איר דרייען, וועט מען שוין וואָס אַמאָל מער האָבן אַלץ פיינערע זייגערס;

דער עיקר איז, אַז מענטשן זאָלן בענקען נאָך ליכט, פאַר זיך און פאַר יענעם, וועלן שוין זיין פיינערע לעמפּלעך ווי דאָס חלב'נע ליכט.

אַזוי, בערך, האָט געלערנט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי דעמאָלט ווען דאָס רוב פון דער יידישער „אינטעליגענץ" האָט געזען די ישועה בלויז אין אַסימילאַציע; ווען די געבילדעטע יוגנט האָט, אַנשטאָט צו קולטווירן דאָס אייגן־נאַציאָנאַלע און שטרעבן צו אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידע־

רונג, נאר ארומגעבלאָנקעט און געזוכט פּוסטע, אומזיניקע חלומות אין די לײדיקע און ווי, דער טויט, קאַלטע הימלען פון קאָסמאָפּאָליטיזם.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געהאַט מוט, נאָך דעמאָלט, מיט אַרי־בער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, אַרויסצוטרעטן קעגן דעם, ״עס צו באַ־קעמפן און אָנצווייזן אַהין וווהין ער האָט געגלויבט, אַז דאָס יידישע פאָלק דאַרף גיין מיטן אייגענעם ווילן און וואָס פריער, אַנשטאָט אַהין אַנצוקומען געצוווּנגענע און... שפּעטלעך... (אָבער קיינמאָל ניט צו שפּעט!).

וואָס־זשע איז געווען, אַז ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט אַזוי גע־רעדט און געשריבן?

עס איז געווען — פון תכלית־שטאַנדפּונקט — אַז עס האָט אים קיינער ניט געהערט.

פון אַלע זיינע אַרטיקלען און ביכער איז קיין איין יידיש־וועלטלעכע שול ניט אויפגעבויט געוואָרן.

זיינע אייגענע קינדער האָט ער ניט געקענט געבן לערנען אין אַ וועלטלעכער יידישער שול, ווייל עס איז אַזאַ ניט געווען און ווי גוט ער האָט ניט פאַרשטאַנען, אַז עס דאַרף אַזאַ אויפגעשטעלט ווערן, האָט ער אָבער ניט געקענט אויסקנייטן קיין עטלעכע צענדליק טויזנט ציגל, קויפן אַ פּלאַץ, אויפבויען דעם בנין, אַריינשטעלן טיר־און־פענצטער און שול־בענק, אַנגאַזשירן כאָטש איין און איינציקן לערער.

ער האָט דאָס ניט געקענט טון, ווייל אַזוי פיל קען ניט קיין איין מענטש אַליין. אַזוינס קען נאָר אַ כלל און דער כלל האָט ד"ר חיים זשיטלאָווסקין ניט געהערט.

ניט געווען דעמאָלט קיין הונדערטער יידן — בעלנים צו „פאַרלירן נעכט" באַ אומענדלעכע - לאַנגע זיצונגען און טאַקע אַליין אַרויסצוגיין „שנאָרן" דאָס געלט פאַר די שולן.

האָט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי זיינע אייגענע קינדער ניט געקענט דערציען אַזוי ווי ער האָט געגלויבט, אַז עס דאַרף דערצויגן ווערן אַ יידיש קינד. און ניט נאָר ער האָט דאָס ניט געקענט. עס האָבן עס ניט

געקענט אויספירן א סך יידישע פערזענלעכקייטן ביי זייער טיפן, וויזיאָנערישן בליק אף א וועלטלעך ־ יידישן שול־וועזן. אויך פרץ, דער יחיד־במינו אלס העלזעער פון באנייטער יידישער קולטור און דערציונג, האט ניט געהאט פאר זיין זון אזא שול ווי ער האט עס געוואלט האבן פאר אלע יידישע קינדער.

איז טאקע אויסגעוואקסן איין דור און א צווייטער, צווישן מלחמות און איבערקערענישן, פאגראמען און מיגראציעס; עס זיינען אויסגעוואקסן א פאר יידישע דורות כמעט הפקר, פון דערציערישן שטאנדפונקט, אין א מישמאש פון קעגנזעצלעכע השפעות, אן א פיצל סיסטעמאטישקייט, מיט א זאווערוכע אין קאפ.

און ערשט אין די לעצטע יארן האבן יידן אנגעהויבן ארומצוגיין אין די הייזער און זאמלען געלט אף צו בויען שולן וואס זאלן הייסן „ד״ר חיים זשיטלאווסקי״, צי גאר „שלום עליכם״, „י. ל. פרץ״, „חיים נחמן ביאליק״, אדער „דוד בערגעלסאן״.

עטלעכע און פופציק יאר האט באדארפט געדויערן ביז ד״ר חיים זשיטלאווסקיס פארזיי זאל געבן תבואה.

און אזוי באשטעטיקט זיך דאס געניאלע פון ד״ר חיים זשיטלאווסקיס פערזענלעכקייט:

עס גייען ארום פארווירקלעכערס פון זיין חלום, „בריגאדירן״, וואס האבן אין זייערע קינדער־יארן אין קיין „זשיטלאווסקי־שולן״ ניט געלערנט און שפעטער — די מערסטע פון זיי — בכלל זשיטלאווסקין ניט געלייענט; זיי האבן נ י ט געשעפט פון דעם פרישן קוואל וואס הייסט „ייד און מענטש״ פון ד״ר חיים זשיטלאווסקי, און דאך אזוי גייען זיי ארום פאר־עקשנ׳טע אויפצושטעלן אזא שול ווי ער האט געלערנט.

ד א ס ל ע ב ן וואס ד״ר חיים זשיטלאווסקי האט עס געזען ווי אונטער א מיקראסקאפ און אין וועלכן ער האט דעריבער געקענט פארויסזען, אט דאס דאזיקע לעבן גופא, האט זשיטלאווסקיס אייניקלעך איבערצייגט אז ער איז געווען גערעכט...

די יידן וואָס גייען היינט אַרום ניט־אויסגערוטע, אַפּט ניט־דערגעסע־נע און ניט־דערשלאָפענע, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, און זאַמלען מיטלען פאַר אַ „זשיטלאָווסקי־בנין", — זיי זיינען די, וואָס גיבן אַ תּיקון, וואָס גיבן לעבן ד"ר חיים זשיטלאָווסקיס געניאַלע געדאַנקען.

אין תּוך זיינען אָט די יידן ד"ר חיים זשיטלאָווסקיס אויסגעבענקטע קינדער; זיינע אייניקלעך וואָס הגם זיי זיינען ניט דערצויגן געוואָרן אין אַזעלכע שולן ווי ער האָט געוואָלט, בויען זיי אָבער אַזעלכע שולן. און דאָס איז דאָך נאָך אַ העכערע בחינה ווי ד"ר חיים זשיטלאָווסקי האָט געקענט חלומען!

יידישע פרויען און מענער — אַקטיוויסטן און „בריגאַדירן" — בויערס פון „זשיטלאָווסקי - שולן" אָדער פּראָגרעסיוו - נאַציאָנאַלע שולן וואָס וועלן טראָגן נעמען פון אַנדערע ליכטיקע יידישע פּערזענלעכקייטן, ווי שיין עס איז דער זכות צו זיין אַ שותּף צו זייער אַרבעט!

ווער און וואָס און וויפל...

ווער זיינען זיי, די וואָס האַלטן אויף אונדזער היג וועלטלעך־יידיש שול־וועזן? ווער זיינען די אַקטיוויסטן, וועלכע האַלטן אין איין רייסן שטיקער און רייסן ד אַ ד אַרויס אַזוי ווייניק, אין פאַרגלייך מיט אונדזערע באַדערפענישן?

פאָלקס־מענטשן. געוויינטלעכע יידן. געוויינטלעכע, ווי געוויינטלעך עס זיינען די פּשוטע זאַנגען פון אַ פעלד, וועלכע צייכענען זיך ניט אויס מיט קיין שום קאָרנבלימלדיקע חנדלעך, נאָר שטייען ערנסט־באַלאָדענע מיט קערנער און טראָגן זאַטקייט פאַר אַ וועלט.

זיי לעבן און לשם באַפרידיקונג פון זייער אייגענער אַ לעבנס־באַ־

דערפעניש, ליגן זיי אַלע מאָל צו אַ ציגל צו זייער אייגענעם קולטור־בנין.

יידן פון מיטלשטאַנד, קליינע קליינטניקעס, אַנגעשטעלטע און דאָס רוב — בעלי־מלאכות.

אַמאָל, אין די אַלטע היימען, פלעגן זייערע זיידעס, די „אייזיק שמידס" און די „הערצל סטאָליערס" ניט האָבן קיין צו הויכע תורה־השגות פאַר זייערע קינדער. תורה — איז געווען רעזערווירט בלויז פאַר נגידישע, פראַסטאַקישע קינדער.

שפּעטער איז געקומען אַ שינוי אין דער תורה־פאַרשפּרייטונג. מע האָט איינגעזען, אַז דאָס איז אַזאַ מין ליכט וואָס קען קלעקן פאַר אַלע־מען. מען דאַרף נאָר וויסן ווו־וויאַזוי עס אַנצוצינדן, וועט עס זיין גענוג פאַר כל־ישראל.

אין יידישן לשון גופא האָט מען אַריינגעהויכט אַ נייע נשמה. יידישע שרייבער און פּאָעטן האָבן אָנגעהויבן שאַפן אין אָט דעם לשון פון די דינסטמיידלעך און שניידער־שוסטער - יונגען. מאַמע יידיש האָט זיך באַ־נייט, יונגער געוואָרן, אויסגעגלעט די קנייטשן און אַ צעשמייכלטע אַראָפּ־געזונגען פון שפּאָגל־נייע שול־ביכער מיט נייע ווערטער, זילבערן־קלינגעוו־דיקע אין מויל פון טויזנטער משה'לעך און שלמה'לעך. מאַמע־יידיש איז געוואָרן דאָס לשון, וואָס האָט זיך, קינסטלעריש, אָנגענומען די קריוודע פון אַרבעטער, פון אַלע באַוולה'טע אין די יידישע געסלעך; יידיש איז געוואָרן די שפּראַך פון יידישן דערציילער, פּובליציסט, רעדנער און וויסנ־שאַפט־פּאָפּולאַריזאַטאָר.

די ברייטע פאָלקס־מאַסן האָבן באַקומען אויך זייער שבת־יום־טוב־דיקייט, זייער נשמה־יתירה'דיקייט און לשון פון מענדעלען, שלום־עליכמען און פּרצן. שפּעטער — פון ווינטשעווסקין, מאָריס ראָזענפעלדן און באָוושאָווערן און נאָך שפּעטער פון שלום אשן און בערגעלסאָנען אין די גאָר יונגע, דורך איציק מאַנגערן און ווייטער. נייע „צוגווינטלעך" האָבן אַ בלאָז געטון אין גייסטיקן לעבן פון פאָלק.

דאָס פאָלק האָט געשטעפּט הויזן, „אויפגעבויט" היטלען, שטיוול און קאַמאַשן, אויסגעמייסטרעוועט בלעכענע כלים און דערביי געזונגען יידישע

לידער. געלייענט ביכלעך. ווי מוראשקעס האבן יונגע געזעלן צוגעטראגן א בוד נאך א בוד און אוועקגעשטעלט ביבליאטעקן און — ארגאניזירט די ערשטע וועלטלעכע יידישע שולן פארן קליינוואַרג.

וואס אמאל שענערע לערן־ביכער מיט געשמאקע לידעלעך און וווג־דערלעכע מעשהלעך; וואס אמאל מער בילדלעך און מלא־טעם'דיקע באצי־רונגען. אזוי האט זיך ביסלעכווייז געמערט די צאל פון די יידישע קינדער, וואס האבן געקענט אף יידיש ניט נאר מאנען עסן און זיך שפילן, נאר אויך זינגען, דעקלאמירן, דערציילן און אפילו בויען זייערע קינדערישע לופט - שלעסער וועגן דעם „וואס מע וועט אלץ אויפטון, אז מע וועט זיין גרויסע".

***

א סך פון אט די טאטעס זיינען אריבערגעוואָרפן געווארן פון אלט־איינגעפונדעוועטע אייראפעישע ישובים צו די ברעגעס פון פלאטא־טייך. צוזאמען מיט די ניי־מאשינען און שוסטער־ווארשטאטן האבן זיי אויך מיטגעבראכט זייערע השגות פון א לעבן וואס איז גאנץ, ערשט ווען עס אנטהאלט אויך קולטורעלס און דערציערישס.

מיט דאנקבארע הערצער זיינען זיי געקומען אהער אויפבויען זייערע נייע היימען; זיי זיינען געקומען גרייטע צו זיין געטרייע בירגער פון דעם אמעריקאנער לאנד, פאר וועמענס אומאפהענגיקייט זיי און זייערע קינדער וועלן אפשר אמאל דארפן איינשטעלן דאס לעבן, אויב עס וועט שלאגן אזא שעה.

נישטא דא קיין שום באגרענעצונגען אין די רעגירונגס־שולן. זיי זיינען אפן פאר אלע קינדער, יידישע בתוכם. יידישע קינדער האבן אנ־געהויבן גיין אין די רעגירונגס - שולן גליך מיט אלע געבירטיקע קינדער און איינזאפן אין זיך דעם גייסט פון די היגע „פראסערס", דער גייסט פון שטאלענעם ווילן צו זיין אומאפהענגיק און פריי, אפילו פאר דער פרייז פון בלוט און לעבן.

און יידישקייט?

און דעם גייסט פון די נביאים, מכבים, רבי עקיבא, הערצל, אחד־העם, ביאליק, טרומפעלדאר, אלגין, הירש לעקערט, הירש גליק צי דוד בערגעלסאן? ווו וועלן זיי זיך מיט דעם אלעמען באוואפענען, די אמעריקאנער יידישע קינדער?

— אין דער וועלטלעך־יידישער שול. האבן זיי ארגאניזירט און האלטן דערצו אויף א פאר טרויעריק־באשיידענע שולן.

זיצט מען און מע קנאקט אף די ניי־מאשינען און דער קאפ דארט, ווי אזוי מע וועט דעם חודש באצאלן דעם לערער.

זיצט מען און מע קלאפט א פלעקל נאך א פלעקעלע, פון צווייטן צימער הערט זיך א קינדעריש קול דעקלאמירן א ליד פון א יידישן פאעט און דאס הארץ וואקסט. די רייך קלינגען איצט אויס די געזונטע שותפות פון א פאעט מיט א קינד און גיבן צו כוח זיך צו קענען קלאמערן אין אט די שולן, ווי אנעמיש און אפילו צאנקענדיק זיי זאלן ניט אויסזען.

און אנעמיש זיינען די שולן, ווייל די וואס פארען זיך „דערמיט" זיינען אין א קליינער צאל און די וואס דארפן געבן אף די שולן ציילן גאנץ פארזיכטיק זייער גאב.

נאר ווען די וואס קענען געבן, וועלן גיבן א ז ו י מיטן גאנצן הארץ ווי די וואס ווילן און קענען מער ניט, נאר דאן וועלן זיך מערן די טוערס. און נאר דאן וועלן די היינטיקע שול־אויפהאלטערס פארבלייבן די אנזאגערס פון א ג ע ז ו נ ט ן וועלטלעך־יידישן שול־וועזן אין דרום־אמעריקע.

„סילוועסטער־אָוונט" און וואָס נאָך?...

געווען אַמאָל אַ צייט ווען איך האָב אין גאַנצן ניט פאַרשטאַנען וואָס איך קער זיך אָן מיטן פייערן דעם „הייליקן סילוועסטער". וואָס קער איך — אַ ניט־רעליגיעזער ייד — זיך אָן מיט קריסטלעכע הייליקע? עפּעס פלעג מיר זיין אַ בושה פאַר מיין מאַמען: אַלע רעליגיעזע הייליקייטן וואָס זי האָט געפּרוווט אין מיר אַריינפלאַנצן האָב איך פאַרוואָרפן און איצט, ווען איך בין שוין אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש, אַ פרייער צו לעבן ווי איך פאַרשטיי — גיי איך גאָר פּראַווען פרעמדע ימים־טובים און פייערן „הייליקע", וואָס אבות־אבותינו האָבן פון זיי נישט געוווּסט. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך נאָר אָפּ מיין מאַמען, איך האָב ניט סתם עפּעס פאַרוואָרפן אַזוינס וואָס איז איר הייליק, נאָר נאָך ערגער: איך האָב עס גאָר פאַרביטן...

דערנאָך האָב איך עס אָנגעהויבן צו זען אַנדערש. קיינער פון די אַלע יידן פייערט ניט דעם „הייליקן סילוועסטער". פרעג בחרם טויזנטער יידן וואָס פייערן אָט דעם אָוונט, וועסטו זען ווי זיי הייבן נישט אָן צו ווייסן ווער ס'איז געווען דער דאָזיקער סילוועסטער; זיי ווייסן אויך ניט, אַז זיי פייערן דעם אָנהייב פון אַ קריסטלעכן יאָר וואָס הייבט זיך אָן צו רעכענען גראָד פון דעם טאָג ווען מע האָט גאָר יעזוסן „געיידישט", גע־מלה'ט, ווי א. גאָלאָמב „באַשולדיקט" זיי.

די דאָזיקע יידן פייערן פּשוט דעם אָנהייב פון אַ נייעם יאָר. ס'איז ביי זיי ניט קיין רעליגיעזע שייכות, נאָר אַ וועלטלעכע, וואָס האָט בלויז צו טון מיטן ציילן די יאָרן פון אונדזער לעבן און געשיכטע לויט אַ באַ־שטימטער קאָנווענציאָנעלער ערא. און כאָטש עס איז ניט קיין יידישער יום־טוב, איז עס אָבער אויך ניט קיין קריסטלעכער. ס'איז אַ יום־טוב פון אַלע מענטשן וואָס אָריענטירן זיך לויט דער דאַטע אין זייער פּראַק־טישן, טאָג־טעגלעכן לעבן. און אויב מיר שטייט אָן יעדן טאָג אָנצושרייבן אָף מיין קאָרעספּאָנדענץ אַ דאַטע לויט אָט דעם קאַלענדאַר, אָדער צו לייענען יידישע צייטונגען וואָס טראָגן אויך דאַטעם לויט אים, מעג מיר

אויך אנשטיין צו פייערן א ניי יאר פון אט דעם ניט־קריסטלעכן, נייערט אוניווערסאלן קאלענדאר.

עס איז דאך אזוי שיין צו האבן א יום־טוב וואס גייט אריבער איבער די גרענעצן פון פעלקער און פאראייניקט הונדערטער מיליאנען מענטשן. ס'איז שיין אינאיינעם מיט מיליאנען מענטשן אויסצודריקן דיין האפענונג און גלויבן אין א בעסער און העלער ניי־יאר פאר אלעמען.

ס'איז שיין זיך צו פילן איינגעשלאסן אין אט דעם „מיר", וואס נעמט ארום „איכן" פון פארשיידענע קאנטינענטן, רעליגיעס און ראסן.

„מיר?"

דא האב איך זיך אפגעשטעלט.

„מיר" — דאס איז א באגריף וואס באשטייט פון א „איך" מיט א סך „דו"ען.

„מיר" — דאס איז א שותפות אין וועלכן, באגלייך מיט מיליאנען דיינס־גלייכן — לייגסטו אריין דעם חלק, דאס מאל דעם יום־טוב'דיקן חלק, פון דיין אייגענעם „איך".

און איך האב זיך אליין געפרעגט:

— וואס לייג איך דא אריין?

ביז איך אן ערלעכער שותף צו אט דער „מיר"־פייערונג?

און איך האב געמוזט אנערקענען, אז *ניין*, אז איך לייג גארנישט אריין, אז איך בין גארנישט קיין ערלעכער שותף.

ווייל אויב מיין הארץ איז טאקע נאך נישט אויסגעטרוקנט פון אזוי פיל וויי און פיין און עס איז נאך באמת יא פעיק זיך צו פרייען און צו יום־טוב'ן — איז וואס איז עפעס די מעשה בלויז איין מאל אין יאר? פאר וואס עפעס יום־טוב'ן בלויז דעם אלגעמיינעם „מיר"־יום־טוב? האב איך שוין ניט קיין אנדערע ימים־טובים?

און צי זיינען זיך אזוי נוהג אויך די איבעריקע שותפים מיינע?

ניין, זיי פייערן א גאנץ יאר זייערע אייגענע *נאציאנאלע* ימים־טובים. ערשט אלס אזעלכע, אלס פעיקע צו *קענען* דאס אייגענע, עס צו רעספעקטירן און עס צו פייערן, אט דאס אייגענע, קומען זיי *מיטפייערן* דאס וואס איז געמיינזאם צווישן זיי און מיר.

אזוי זיינען און אזוי דארפן זיין ערלעכע שותפים: אז מען האט אייגנס, אז מען פארמאגט לעבנס־זאפטן אף צו קענען זיך פרייען מיטן אייגענעם, האט עס א זין צוצוטרעטן ווי א שותף און זיך משמח צו זיין ביי כלל־ימים־טובים.

אבער אז דו אליין האסט בכלל קיין ימים־טובים נישט, א גאנץ יאר טיילט זיך ביי דיר נישט אוים קיין איין און איינציקער טאג, וואס זאל עפעס אנצייכענען א ליכטיקן פונקט אין דיין לעבן; עפעס א שטראלעכל פון דיין געשיכטע וואס דו זאלסט קענען איבערליפערן דיין זון צי דיין טאכטער; ביסט בכלל טרוקן ווי אן אויסגעגאנגטע פייג — טא וואס קענסטו שוין, אומשטיינס געזאגט, ארייגלייגן אין שותפות׳דיקן יום־טוב?

דאסווארט „דו" קען קלינגען וואגיק נאר אין מויל פון דעם וואס קען מיט שטאלץ זאגן „איך"; און אויך „מיר" זאל זיך דערלויבן צו זאגן נאר יענער וואס האט א „איך" אף ארייצוליינן אין אט דעם „מיר" אריין.

אז קיין „איך" איז דער „דו" א חוזק פון זיך אליין און דער „מיר" ——גנבת דעת.

און וואס שייך וועלטלעכקייט, איז אויב מען האט געקענט פאר־וועלטלעכן אזא יום־טוב, ווי דער „הייליקער סילוועסטער"; אויב דאס ווונדערלעכע אורוגווי האט געקענט פארוועלטלעכן אזא יום־טוב ווי די „הייליקע וואך" און זי פארוואנדלען אין דער „וואך פון טוריזם", בעת וועלכער דער גלייביקער קען זיך ווייטער גלייבן און צערעמאניעווען, און דער וועלטלעכער קען זיך פשוט אויסרוען די ביינער און זיך געסטלען,— פאר וואס זאלן וועלטלעכע יידן ניט קענען פארוואנדלען אין וועלטלעכע ימים־טובים זייער חנוכה, זייער פסח, סוכות צי שבועות?

און ווייסט איר, אפ אפילו דער יידישער ראש־השנה, להבדיל פון קריסטלעכן צי מאכמעדאנישן, האט גאר ניט צו טון מיט קיין רעליגיעזע צי אפילו נאציאנאלע מאטיוון? דאס יידישע ניי־יאר איז דאס נייע יאר פאר דער ג א נ צ ע ר וו ע ל ט , פאר יעדער באשעפעניש און גרע־זעלע, פאר הימל און ערד. און דו קענסט זיין ניט־רעליגיעז און דאך באוואונדערן די פאעטישע שיינקייט פון ביבלישן פאלקלאר וואס לערנט

דיך צו פֿילן־זיך באַניט צוזאַמען מיט אַלע באַשעפֿענישן, מיט דער גאַנ־צער נאַטור, מיט דעם גאַנצן אוניווערס.

און ווען דו קענסט אַפֿילו ניט גלייבן, אַז די וועלט איז ערשט אַלט 5708 יאָר, קען דיר דאָס אָבער ניט שטערן אין אָט דעם טאָג צו פֿילן זיך פֿאַרייניקט מיט אַלע יידן פֿון דער גאָרער וועלט, פּונקט ווי כאָטש עס גייט דיך גאָרנישט אָן ניט דער „הייליקער סילוועסטער" און ניט יעזוסעס מילה — קענסטו דאָך אין יענעם טאָג זיך פֿילן פֿאַרייניקט מיט מיליאָנען מענטשן, וואָס דו קענסט ניט און האָסט זיי קיינמאָל ניט געזען...

און ווייסט איר אַז אַפֿילו אין אַזאַ, אין פֿלוג רעליגיעזן, יום־טוב ווי יום־כּיפּור, איז דאָ עפּעס טיף־מענטשלעכס, וואָס גייט אַריבער די גרענעצן פֿון ייד צי ניט־יידן?

דאָס אַליין, אַז אַן אמתן דין־וחשבון מיטן אייגענעם געוויסן קען אַ מענטש נאָר מאַכן ווען ער איז גוט אויסגעהונגערט נאָך אַ מעת־לעת פֿאַסטן — דאָס אַליין איז דאָך אַ שיינקייט. טויזנטער פֿון אונדז וואָלטן דאָך זיך אַליין דערזען מיט אַנדערע אויגן, ווען זיי קענען זיך אַף איין און איינציקן טאָג באַפֿרייען פֿון דער שרעקלעכער איבערגעפֿרעסנקייט.

שוין אָפּגערעדט פֿון חנוכה, פּסח, שבועות צי סוכות — ווי נאַציאָ־נאַל־בינדנדיקע עלעמענטן.

אַנשטאָט אָבער צו פֿייערן חנוכה — פֿייערן הונדערטער יידן דעם 25־סטן דעצעמבער, מאַכן אין זייער הויז „קריסטוס־ביימער" און קויפֿן זייערע קינדער מתּנות דווקא דעם 6־סטן יאַנואַר, אין טאָג פֿון די „דריי מלכים", וועלכע „זיינען געקומען אָנזאָגן די בשורה פֿון יעזוסעס געבורט".

און דאָס טוען ניט חלילה יידן, וואָס ווייסן וואָס זיי טוען, דאָס הייסט אַזעלכע וואָס טוען עס, ווייל דאָס האָט פֿאַר זיי עפּעס אַ זין. ניין, זיי פֿאַרשטייען עס ניט און פֿילן ניט גאָרניט פֿאַר דעם. זיי טוען נאָך זייערע ניט־יידישע שכנים. בעת ביי יענע איז עס אַ לבוש פֿאַר עפּעס אַ געפֿיל, איז עס פֿאַר די נאָכטוערס אַ פּראָפֿאַנירנדיק און כאַראַק־טערלאָז נאָכמאַלפּעווען. און ווען אָט די נאָכטוערס ווילן עס פֿאַרענטפֿערן מיט זייער „אויפֿגעקלערטקייט", מיט זייער „סיי־ווי ניט זיין יידיש־רעלי־גיעז" (און זיי פֿאַרגעסן דערביי, אַז זיי זיינען דאָך אויך ניט קריסטלעך־רעליגיעז), איז עס סתּם אַ צייכן פֿון וועלן אַנטלויפֿן פֿון זיך אַליין. עס

וויזט אַז אויף אַ דענעראַציע אין זיי ניט נאָר פון „פּינטעלע ייד" נאָר טאַקע אויך פון „פּינטעלע מענטש", ווייל אַזוי האָט געלערנט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי: „וואָס מער מענטש אַ ייד איז — אַלץ מער ייד איז ער" און פאַרקערט הייסט עס: וואָס מער איר וועט זיך באַמיען איבערצוהיפערן דעם ייד אין זיך, אַלץ מער באַווייזט איר אייער ווייט־אָפּגעשיידטקייט פון מענטשלעכער ווירדע.

און ווען איך האָב, מיט אַ צייט צוריק, באַקומען אַן איינלאַדונג פון אַ יידישער פרויען־אָרגאַניזאַציע צו קומען מיטפייערן דעם „סילוועסטער־אַוונט", האָב איך זיך דערמאָנט:

ביי יידן שטייט געשריבן, אַז ביי געמישטע חתונות ווערן די קינדער צוגערעכנט צו דעם פאָלק צו וועלכן עס געהער די מאַמע. שוין גאָר אַמאָל האָבן יידן פאַרשטאַנען, אַז דעם הויפּט־חותם לייגט אויף אַ מענטשן אַרויף זיין מאַמע — די קעניגן פון דער היים.

וויפל יידישע מאַמעס פון די וואָס האָבן געפייערט יענעם סילוועסטער־אַוונט צו וועלכן זיי האָבן מיך אויך פאַרבעטן, וויפל פון זיי האָבן אין דעם אָפּגעלאָפענעם יאָר געפייערט אַ יידישן יום טוב?

איך ווייס ניט. אויף יעדן פאַל, גלויב איך, אַז ס'איז גלייכער נישט צו ציילן.

איך ווינטש בלויז זיך און כל ישראל, אַז אין די ווייטער־קומענדיקע יאָרן זאָלן הונדערטער יידישע מאַמעס קויפן נייע שיך און קליידער און מתנות פאַר זייערע קינדער דווקא פּסח און חנוכה און שבועות און סוכות.

דערביי וועלן זיי דאָך שוין מוזן עפּעס דערציילן זייערע קינדער וועגן זיין פון אַט די ימים טובים.

ערשט דאַן וועלן מיר האָבן דאָס רעכט מיטצופייערן צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן צווישנפעלקערלעכע ימים טובים, ווי די „ניי־יאָר"־ס וואָס הייבן זיך אָן אין די ערשטע סעקונדעס פון יעדן 1־טן יאַנואַר.

שותפים — יאָ, אָבער ערלעכע.

אייגענע בנינים ווייל אן אייגענעם גייסט

צווישן די פיל גוטע זאכן וואס מיר האבן נאך דא הי נישט באוויזן אויפציילערנען אונדזערע קינדער, איז אויך דער זין פון אלטן ווערטל פון אונדזערע חכמים „אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו" — „זאלסט נישט קוקן אויפן קריגל, נאר אויף דעם וואס אין קריגל".

אונדזערע קינדער ווייסן נישט קיין חכמות און אויב מיר ווילן, אז עס זאל זיי אימפאנירן ווי שיין און ווערטפול אונדזער תורה, מוזן מיר זי זיי דערלאנגען אין שיינע און ווערטפולע בנינים.

האבן מיר נישט קיין אנדערע ברירה און מיר בויען.

אבער אפילו ווען מיר האלטן ערשט ביים אנהייבן בויען, טארן מיר אויך אויף קיין רגע נישט ארויסלאזן פון אויג די וויזיע פון דעם, וואס מיר ווילן דערגרייכן מיט אונדזער בוי.

וואס זשע ווילן מיר דערגרייכן?

מיר ווילן דערגרייכן, אז אין אונדזערע קינדער זאל מיט דער הילף פון דער יידישער שול אויסוואקסן ארגאניש — טאקע איניינעם מיט זיי גופא — דער ווילן צו לעבן ווי יידן. דער דאזיקער ווילן צו לעבן ווי יידן מוז ביי זיי זיין אזוי ארגאניש, ווי עס איז ארגאניש ביי א פייגעלע דאס ליב האבן צו פליען אויף דער פריי און ווען אונדזערע קינדער זאל אמאל אויסקומען צייטווייליק, איבער אויסערלעכע סיבות, נישט צו לעבן ווי יידן, זאלן זיי דעמלט אזוי לײדן, ווי עס לײדט א פייגעלע אין א שטייגל.

בכדי דאס זאל אזוי זיין, מוזן זיי אין דער יידישער שול נישט נאר זיך דערוויסן, נאר בעקר דערפילן:

א. וואס אזוינס איז א ייד און וואס איז יידישקייט און

ב. די פאזיציע פון יידן ווי א פאלק צווישן פעלקער און נאציעס (נאציע — א פאלק וואס פירט אייגן מלוכה'יש לעבן).

מיר מוזן די קינדער גיבן אן אידעאל. א נאציאנאלן „פון וואנען" און „וווהין". נאר דאן וועט דאס גאנצע לערנען פאר זיי זיין אנגעפילט מיט אינהאלט, מיט זין.

זיי לערנען שפראך אליין, יידישע ליטעראטור אליין — איז ווייניק.

פונקט אזוי ווי דאס גאנצע יידישע פאלק איז אלט, אזוי זיינען אויך אלט זיינע קולטור־ווערטן, זיין אקומולירטע נאציאנאלע קולטור־ירושה.

מיט רייפקייט פון היינט קענען מיר פארשטיין אונדזער נעכטן און מיט חכמה פון אמאל מוזן מיר זיך באוואפענען אין קאמף פאר אונדזער מארגן.

פאר א יידיש קינד דארף זיין פארשטענדלעך דער אויפטו פון ערשטן יידן, אברהם, וואס האט צעשמעטערט דעם גלויבן אין „מעכטיקע", מא־טעריעל־קאנקרעטע אפגעטער און די דאזיקע איינגלייבעניש אויסגעביטן אויפן גלויבן אין א ניט־אנזעעוודיקן „גאט", וואס איז פאר די דעמלטדיקע באגריפן געווען דאס אייגענע, וואס היינט פאר אונדז — „געוויסן", „אי־דעאליזם", גלויבן אין נצחון פון גערעכטן, אויב אפילו אט דער נצחון איז אזוי שרעקלעך ווייט, ווי ווייט עס איז דער באגריף פון אן אבסטראקטן גאט פארן פרימיטיוון שכל פון א געצנדינער.

און כאטש אט דער נצחון קען ניט, ביז זיין אנקומען, באוויזן ווערן מיט קיין שום ממשותדיקע פאקטן־ארגומענטן און איז אזוי ווייט, ווי ווייט עס איז אפט פון יידן „די זון און דער קאיאר", מוז אבער א יידיש קינד דערצויגן ווערן צו גלייבן אין אים „ווי אין א פאראל וואס גייט פון דור צו דור".

א יידיש קינד דארף פילן די גרויסקייט פון א נתן הנביא, וואס האט ניט מורא פאר א דויד המלך און קומט אנצווייזן אויף אים מיטן שטרענגן ווייז־פינגער ווי אויף א פארברעכער, אויב ער פארשטייט, אז דאס איז ער טאקע.

א יידיש קינד דארף זיין דורכגעדרונגען מיטן יושר־געפיל פון אן אליהו, וואס דונערט מיט זיין קול אויפן מלך אחאב, „אזוי צו זאגן": „אויף דעם ארט וו די הינט האבן געלעקט דאס בלוט פון נבותן, וועלן זיי לעקן אויך דיין בלוט"!

א יידיש קינד דארף זיין דורכגעדרונגען מיט דער סאציאלער עטיק פון עמוסן, מיט דער שלום־וויזיע און שטרעבונג צו אינטערנאציאנאלער צונויפלעבונג פון א ישעיה.

א יידיש קינד מוז, פון דריטן לערניאר אן אדער ווען דער לערער פארשטייט, לערנען העברעיש, ניט נאר כדי ער זאל קענען פארשטיין

„פון אינעווייניק” זיינע ברידער פון ארץ ישראל, נאר בעיקר כדי צו פארשטיין דאס ווארט פון זיינע אור־אבות און ווייל די יידישע קולטור הייבט זיך ניט אן מיט דער אנטשטייונג פון דער יידישער שפראך, אדער מיטן אנווענדן די יידישע שפראך ווי א מיטל פאר סאציאלע קאמפן, הגם עס איז טאקע אמת, אז יידיש איז אין די לעצטע יארצענדליקן בייגעשטאנען ווי א מאמע די יידישע מאסן אין זייער עפישן געראנגל פאר לעבן און גערעכטיקייט.

א יידיש קינד מוז פילן נאך איידער עס פארשטייט עס און קען עס אויסדריקן, אז אין נאציאנאלן יידישן קריגעלע, ווי אלט און אפילו פארשטויבט עס זאל ניט זיין, איז פאראן אלטער, געשמאקער וויין פון סאציאלער גערעכטיקייט, פון ליבשאפט צום מיטמענטש — יא אדער ניט ייד — פון פראטעסט קעגן עוולות און פון שטרעבונג צו שלום און ברידערלעכקייט.

נאר דאן וועט דאס יידישע קינד וועט זען, אז יידישקייט שליסט ניט אוים קיין ווירדיקע, פריינטשאפטלעכע באציונג מיט ניט־יידישן ארום וועט עס האבן דעם מוט אויפצוהערן אזויפיל איבערגעטריבן צו מיר׳עווען און דו־עווען און עס וועט אויך באקומען דעם מוט ערלעך אויסצולעבן זיין אייגענעם נאציאנאלן „איך”.

עס איז ניט גענוג, אז דאס יידישע קינד זאל וויסן, אז „דערווייל זענען יידן בלויז א פאלק און נאך נישט קיין „נאציע”; דאס יידישע קינד מוז אויך וויסן, אז יידן זיינען דערווייל אוים נאציע, אויב אפילו אט דער „דערווייל” ציט זיך שוין קארגע ניינצן הונדערט יאר.

און עס איז ניט גענוג, אז אונדזערע קינדער זאלן וויסן, אז א טייל פון יידישן פאלק האלט זיך היינט אין קאנסטיטואירן אלס יידישע נאציע אויפן באדן פון אלטן יידישן היימלאנד — ארץ ישראל, נאר דאס יידישע קינד מוז אויך וויסן, אז דער גרעסטער טייל פון יידישן פאלק וועט נאך בלייבן צעזייט און צעשפרייט איבער דער גארער וועלט און אז אט די טיילן מוזן דורך א קאארדינירטער קולטור־ארבעט ווערן געהאלטן צונויפגעשמידט ווי איין און איינציקער נאציאנאלער איינס.

א יידיש קינד מוז פארשטיין, אז אויב עס איז זייער שיין צו זיין א ייד אין ארץ ישראל, איז אבער זייער שווער צו זיין א ייד אויסער

ארץ ישראל, און אויב זיינע עלטערן און זיידעס זענען עס, טראָץ אַלעמען יאָ געווען, במשך צענדליקער דורות — ליגט דעריין אַזאַ מין גרויסקייט אַזאַ מין גבורה און אַזאַ מין שיינקייט, וואָס ער קען זיך באַמיען ווערט צו זיין, נאָר דורך ממשיך זיין זייער יידיש לעבן.

אַ יידיש קינד דאַרף וויסן, אַז דאָס יידישע פאָלק וועט איינגיכן באַשטיין פון אַ מלוכה אין ארץ ישראל און פון צענדליקער קיבוצים אויף דער גאַרער וועלט און אַז הגם אַט די מלוכה וועט זיין אַ קליינע אין שטח, איז איר קיום אָבער וויטאַל־וויכטיק פאַר אונדזער אַלעמענס קיום.

לעבעדיקע אַרטעריעס וועלן דאַרפן אָנהאַלטן אַ פּערמאַנענטן אויסטויש פון קאָנגנזייטיקער קענטשאַפט און וויסן, פון געפילן און געדאַנקען, פון אַלגעמיין־קולטורעלע, מאָראַלישע און קינסטלערישע דערגרייכונגען.

אַ יידיש קינד דאַרף לערנען וועגן מצב פון יידישע ישובים; קיין שום ישוב אויף דער וועלט דאַרף פאַר אַ תלמיד פון אַ יידישער שול ניט זיין „פאַרהוילן" הינטער קיין שום שלייער.

און ווען ער וועט זיך אָנשטויסן אויף דער צעקריפּלטקייט פון דער יידישער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור אין אַזויפיל לענדער פון דער וועלט, אַ צעקריפּלטקייט וואָס איז אַ רעזולטאַט פון צענדליקער דורות אַרויפגעצוואונגענקייט מחוץ אונדז און אויף דער מערכה פון די יידישע לשונות אין די אַלע לענדער, זאָל ער אויך זען, אַז גרינטלעך־פעסט ווערן סיי די דאָזיקע צעקריפּלטקייט סיי די דאָזיקע מערכה געהיילט נאָר אין אונדזער אייגענער מלוכה, אין ארץ ישראל, און פון אַלע יידישע ישובים מחוץ לארץ — נאָר אין ביראָ בידזשאַן, ווו דאָס יידישע לעבן האָט אונטער זיך אַ סאָציאַליסטישן יסוד.

אין די העכערע קלאַסן דאַרף זיך דער תלמיד אויך באַקענען מיט אַלע „הן"־ען פון יידישע באַוועגונגען און פּאַרטייען, אָבער דאַרף פאַרהיט ווערן פון אָנשטעקונג מיט וועלכן ס'ניט איז „לאוו" פון די דאָזיקע באַוועגונגען און פּאַרטייען; סיי פון בונדישן אַנטי־ארץ ישראל־לאוו, כיי פון אַנטי־יידיש־לאוו פון יענע יידן (ווו זיי זאָלן זיך ניט געפינען) וועלכע מיינען אַז ציוניזם איז נאָך אַלץ ניט מער ווי אַ פּאַרטיי אין לעבן

פון יידישן פאָלק; סיי פון דער אומטאָלעראַנץ, וואָס איז דער געמיינזאַמער „לאוו” פון אַלע...

א יידיש קינד דאַרף וויסן, אַז הגם דאָס יידישע פאָלק האָט נאָר וואָס איבערגעלעבט איינע פון די שרעקלעכסטע קאַטאַסטראָפעס אין זיין געשיכטע, איז אָבער זיין לאַגע אויף דער וועלט בכלל היינט בעסער און ליכטיקער ווי במשך אַלע זיינע וואנדער יאָרן, ווייל אויב עס זאָל נאָר ניט קומען צו קיין אטאָם־מלחמה, גייט דאָך דאָס יידישע פאָלק צו באַגייונג און אויפריכטונג.

און די דאָזיקע אויפריכטונג — דאַרף שטענדיק איינגעקנעלט ווערן — איז אָבער א באַדינגטע אין אונדזער אייגענעם ווילן און אין אונדזער פאַרבינדונג און סאָלידאַריטעט מיט די טיילן פון אַלע פעלקער, וואָס קעמפן פאַר אַ גערעכטן מאָרגן.

נאָר אַזוי וועט אונדזער שול קענען זיין פאַרן קינד דער אייגן־נאַציאָנאַלער וועג צום שליאַך פון צווישנפעלקערלעכער פאַרברידערונג.

דווקא איצט

אונדזער פאָלק שטייט איצט פאַר אַ דערהייבנדיקן מאָמענט אין זיין געשיכטע. זינט די צייטן פון עזרא הסופר איז נאָך אַזוינס ניט געשען מיט אונדז ווי דאָס וואָס עס געשעט היינט. מיר שטייען פאַר דער מעגלעכקייט אָנצוהייבן ווערן א נאָרמאַל פאָלק, אויסצוגלייכן דעם נאַציאָנאַלן רוקן.

דאָס וואָס עס איז ניט מעגלעך געווען אין די צייטן פון שבתאי צבי אָדער דוד הראובני, אָט דאָס הייבט אָן ווערן די וואָר פון אונדזער דור.

עס איז שוין היינט קלאָר פאַר יעדן יידן, וואָס איז בכלל פעיק צו טראַכטן, אַז אין ארץ ישראל ווערט געפירט די מלחמה פאַרן קיום פון יעדן איינעם פון אונדז. די מאָס פון אונדזער אומחן אין די אויגן פון מיליאָנען מענטשן פון אַלע פעלקער האָט שוין געגרייכט ביזן ראַנד פון בעכער. דער דאָזיקער בעכער איז שוין איין מאָל איבערגעפולט געוואָרן און דער „איבערגוס” האָט אונדז געקאָסט דעם אומקום פון א דריט־חלק פון אונדזער פאָלק. דער דאָזיקער שוידערלעכער אומחן קען געמינערט ווערן נאָר

אויב מיר וועלן אויסהאלטן די מלחמה וואס ווערט אויף אונדז היינט ארויפ־געצוווּנגען אין ארץ ישראל. אונדזער אלעמענס מלחמה ווערט דארט געפירט און אלע מוזן מיר זיך אנשטרענגען אויסצוהאלטן דעם דאזיקן נסיון, פאר וועלכן מיר שטייען דאס ערשטע מאל נאך צוויי טויזנט יאר.

ווען א פאלק לעבט איבער אזא מין פאזע, קומט אויס, אז אלץ וואס עס זאל ניט געזאגט, געשריבן אדער געטון ווערן איז שייכות מיט טיילן פון פאלק, דארף באטראכט ווערן אין ליכט פון אט דעם היסטארישן מאמענט.

אלץ וואס ווערט געזאגט, געשריבן און געטון.

אלץ.

אויך דאס וואס איז אויפגעשריבן געווארן אויף די זייטלעך פון דעם ביכעלע.

מיטן שטעלן די ביז איצט אנגעשריבענע שורות אונטערן ליכט פון היסטארישן מאמענט וואס מיר לעבן היינט איבער, זענען מיר אויסן צוויי זאכן:

א) פעסטשטעלן צי האבן מיר עפעס צו לערנען פאר דער פארווירק־לעכונג פון אונדזערע התחיבותן פון יענע וועלכע האבן מיט אי־בער 50 יאר קריק אנגעהויבן צו פארשפרייטן דעם געדאנק פון שיבת ציון.

ב) פעסטשטעלן צי זענען אונדזערע ביז איצטיקע רייד ריכטיק אויך ווען מע מעסט זיי מיט די מעגלעכקייטן וואס שאפן די אנט־שטייונג פון א יידישער מלוכה אין ארץ ישראל.

מיר וועלן ניט פארקריכן אין קיין פרטים און זיך האלטן נאר ביים יסודותדיקן:

א) ווען די בילו״ים און שפעטער די פאליטישע ציוניסטן האבן אנגעהויבן פארשפרייטן דעם געדאנק פון ישוב ארץ ישראל, האבן זיי זיך נישט באגנוגנט נאר מיט רעדן, נאר זיי האבן אויך געטאן. זיי זענען געווען ערלעכע יידישע מענטשן, וועלכע האבן אנגע־הויבן פון זיך אליין. זיי האבן ניט געווארט, אז „ארץ ישראל זאל ווערן א יידיש לאנד״, נאר זיי זיינען געפארן און אליין פאר־וואנדלט צו דריי־פיר דונאם ארץ ישראל־ערד אין יידישער ערד.

און ניט דערמיט וואס זיי האבן זי אפגעקויפט, נאר דערמיט וואס זיי האבן אין איר אינוועסטירט כוחות, הארעוואניע, שוויס און טרערן; אפט מאל זענען זיי, אדער זייערע פרויען צי זייערע קינדער פארזונקען געווארן אין די דארטיקע מאלאריעדיקע בלאטעס. דאך אזוי האבן זיי געשלעפט ווייטער. און אז מען קוקט זיך ארום אויף דעם אלעמען איצט, אין 50 יאר ארום, נאך זייער אנהייב, זעט מען אז מיט זייער מסירת נפשדיקער ארבעט האבן זיי אוועקגעשטעלט די וועלט פארן פאקט פון א קערן פון א יידישער נאציע אויף יענער ערד ווו יידישקייט האט ביז זיי געהייסן — פארנעפלטער אוראלט, בלוי־רוויכיקע חלומות, פאנטאזיע. ווייטער:

די מערסטע פון די וואס האבן געבויט ארץ־ישראל האבן געהאלטן, אז דאס באנייטע פאלק דארף געפארעמט ווערן אין דער העברעישער שפראך, האבן זיי זיך איינגעשטעלט פאר זייער גלויבן. אים פארטיידיקט מיט רייד, בעל־פה און בכתב. מיט לאגישע און ניט־לאגישע ארגומענטן. אמאל פלעגן זיי אפילו דערגייז ביז לעבערלעכקייט מיט זייער עקשנות. אבער אויב היינט איז ארץ־ישראל א העברעישער ישוב און מלוכהיש — דער פורעם פון א העברעישרעדנדיקן פאלק ישראל איז עס ניט דערפאר, ווייל זיי האבן פארעקשנט פארטיידיקט זייער שטאנדפונקט „בעל־פה און בכתב". נייז, בשום־אופן ניט דערפאר.

דאס איז דערפאר, ווייל זיי האבן דאס ארגאניזירט. ווייל זיי האבן געשאפן העברעישע שולן, צייטונגען, זשורנאלן, קינדער־ליטעראטור און ארייגעפירט העברעיש אין טאג־טעגלעכן לעבן. מע האט אזוי געמאכט, אז צו וואס א ייד האט ניט געדארפט אנקומען, פון קויפן א שטיקל ברויט ביז זיך דערקלערן אין ליבע צו זיין טייערסטער, האט ער עס געמוזט טון אף העברעיש.

היינט דארף מען אין ארץ - ישראל מיט קיינעם מער נישט דיסקוטירן צי איז העברעיש „בארעכטיקט", פונקט ווי מען דארף מיט קיינעם נישט דיסקוטירן צי דארף מען עסן, אז מע איז הונגעריק.

העברעיש איז דארט אזא פאקט ווי טשעכיש ביי די טשעכן פון ווידער־אויפגעבויטן לידיצע.

און הגם די רעזולטאטן פון דער ארבעט פאר א ו נ ד ז ע ר ע התחיבותן זענען ניט שטענדיק אפהענגיק פון דער אינוועסטירטער ארבעט, נייערט פון א סך אנדערע פאקטארן, אף וויפל דאס איז אן אינוועסטיציע ניט אף אן אויסגעשפראכן - יידישער טעריטאריע, נאר גאר אף באדנס וואס זענען שטענדיק באווירקט געווארן פון צענדליקער מחוץ - לייִדישע סיבות, מוזן מיר אבער דאך אנערקענען אז פון דער ציוניסטישער באוועגונג האבן מיר זייער א סך צו לערנען די תורה פון מ ע ש י ם .

אנשטאט אמאל צו דארפן „פראפאגאנדירן” פאר אונדזערע קינדער די שיינקייט פון יידישן לשון און די נייטיקייט צו קענען יידיש און יידישע ליטעראטור, לא'מיר גאר שאפן יידישע שולן און יידישע פארלאגן מכל־המינים; אונדזערע קינדער — פון פיצעלעכווייז אויף שיקן אין אט די שולן און שאפן פאר זיי א ים פון יידישער קינדער־ליטעראטור.

דאס וואס ארץ - ישראל איז פאר דער אויפוואכנדיקער יידישער נאציע, דאס קען זיין די יידישע שול, די יידישע קולטור־ארבעט, פאר די יידישע ישובים פון דער גארער וועלט: א פ ו ר ע ם פ א ר ד ע ר א ו י ס פ א ר מ י ר ו נ ג פ ו ן י י ד ן .

ב) פון מיט א צען־פופצן יאר צוריק האט מען געקענט פעסטשטעלן אן אומקער צום יידישן פאלק פון גרויסע גרופעס יידן, וואס זענען שוין געווען כמעט אדער אינגאנצן אסימילירט מיט די פעלקער צווישן וועלכע זיי האבן געלעבט. דער דאזיקער אומקער איז פארגעקומען דערפאר, ווייל די אנטי־יידן־פארפאלגונגען האבן געטראפן אויך אט די אפגעפרעמדטע פון יידישן פאלק און בלית - ברירה האבן זיי זיך מער־וויניקער אומגעקערט צום יידישן שורש. ביי א גרויסן טייל פון זיי איז דער אומקער מתוך שלא לשמה געווארן לשמה. דער פאקט איז אבער, אז די הויפט־סיבה פון דעם דאזיקן אומקער איז געליגן זייער ווייט מחוץ דעם גדר פון יידישן פאלק. דאס האט אנגעהויבן פארקומען מיט אן ערך 10 - 15 יאר צוריק.

אין די לעצטע צוויי־דריי יאָר און ביי גאַנץ אַנדערע באַדינגונגען קען מען פעסטשטעלן אַ נאָך טיפערן און ראַדיקאַלערן אומקער צו יידן ביי דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט. די דאָזיקע יוגנט וואָס קריק מיט דריי־פיר יאָר האָט זי שוין אויסגעזען פאַרלוירן פאַרן יידישן פאָלק, פאַרלוירן ווי אַ בריק צווישן אונדזער עבר און צווישן אונדזער אייביקייט — די זעלביקע אַמעריקאַנער יידישע יוגנט איז היינט טיף־יידיש „געשטימט", אָרגאַניזירט אין נאַציאָנאַלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, אינטענסיוו פאַרקאָכט אין יידישער פּראָבלעמאַטיק און אַפילו גרייט צו גיין איינשטעלן דאָס לעבן אין דער מלחמה פון אונדזער פאָלק אין ארץ־ישראל.

אונדז איז אויסגעקומען צו רעדן מיט אָנפירער פון ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און אַלע האָבן זיך אויסגעדריקט איינשטימיק וועגן דעם דאָזיקן „נס", אין דער לעצטער שעה. זיי האָבן אַלע אנערקענט, אַז די אַמעריקאַנער יידישע יוגנט איז אויפגעוועקט געוואָרן צו יידישן באַוווסטזיין ניט מחמת דעם אומקום פון זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע, נאָר מחמת דעם ווידערשטאַנד קעגן שונא פון זעקס הונדערט טויזנט יידן אין א"י.

עס איז מסתמא נאַטירלעך, אַז יוגנט זאָל אויפוואַכן ניט ביים אָנבליק פון מאַסן־אויסראָטונג, נאָר ביים קלאַנג פון ווידערשטאַנד, פון קאַמף און גבורה. עס איז אפשר געזונט און נאַטירלעך אַזוי פאַר יוגנטלעכע און דער רעזולטאַט איז אויף יעדן פאַל פריידיק פאַר אונדזער פאָלק.

די צוויי פאַקטן, אָבער, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין דער געפאַר צו פאַרלירן מאַסן יידן אין אייראָפּע און מאַסן יידישע יוגנטלעכע אין אַמעריקע — די דאָזיקעביידע פאַקטן האָבן מיר צו „פאַרדאַנקען" איין און איינציקער סיבה: סיי דאָרט און סיי דאָ איז ניט געווען קיין יידישע דערציונג, קיין יידישער חינוך, קיין יידישער שול־וועזן.

צוויי מאָל זענען מיר געשטאַנען פאַר דער געפאַר פון אָפּשטאַרבונג

פון הונדערטער טויזנטער יידן און בײדע מאָל זענען זיי געראַטע־ וועט געוואָרן פאַר אונדזער פאָלק דורך אַ נס: דאָס ערשטע מאָל דורכן „נס" פון אויסערגעוויינלעכער שנאת־ישראל און דאָס צווייטע מאָל דורכן נס פון מלוכהש־יידישער דערוואַכונג, אָבער בײדע מאָל דורך אַ נס.

צוויי טויזנט יאָר זענען יידן געווען צעשפּרייט איבער דער וועלט און אויסגעהאַלטן יידישקייט אַן ניסים, נאָר ווייל אונטער זיי איז געווען דער פעסטער יסוד פון יידישער דערציונג און נאָך צוויי טויזנט יאָר האָבן זיי דערגרייכט צו דער שענדלעכער לאַגע, ווען קיום־היהדות איז אָפּהענגיק געוואָרן פון ניסים.

דאָס דאַרף אונדז דינען ווי אַ לעקציע און ווי אַ וואָרענונג.

דער אויפבוי און די ענדגילטיקע באַפרייונג פון דער יידישער מלוכה וועלן נאָך שטיין פאַר שווערע נסיונות.

די ג א ו ל ה פ אַ ר ן ג אַ נ צ ן פ אָ ל ק קען ניט קומען אין איין טאָג, ניט אין קיין יאָר און ניט קיין יאָר־צענדלינק.

צווישן אַ פינצטערן נעכטן פון מאַסן־אויסראָטונגען און כל המיני אַסימילאַציעס און צווישן דעם העלן מאָרגן פון מלוכהשער ווידערגעבורט פון אונדזער פאָלק, מוזן מיר זיך האַלטן פעסט אין איינציקן מיטל וואָס איז ביכולת שוין הײַנט צו פאַרמירן אויף־יעדן־פאָל־יידן, יידן־אָן־קאָנ־ דיציעס, דאָס איז דאָס יידישע שול־וועזן, וואָס האַלט אויף אַזאַ מין יידישקייט, וואָס ברענט און ווערט קיינמאָל ניט איבערגעברענט.

דער המשך פון יידישן פאָלק וועט זיין פאַרזיכערט נאָר ווען זיין יוגנט וועט באַשטיין פון אויף־יעדן־פאַל־יידן...

הונדערטער טויזנטער אַמעריקאַנער יידן מוזן איינזען אַז ווען זיי האָבן ניט קיין יידישע קינדער, איז עס גלייך ווי זיי וואָלטן בכלל קיין קינדער ניט געהאַט.

ווייל דען אַ פאָלק זיין אַן עקר?

זאָלן די צעזייט און צעשפּרייטע יידישע ישובים פון אַמעריקע זיך אָנשפּיגלען אין זייערע קינדערס יידישן אַנאַלפאַבעטיזם, וועלן זיי אין אָט דעם שפּיגל דערזען דעם בלוט-פאַרגליווערנדיקן בליק פון טויט.

זאָלן זיי נאָר שטאַרק וועלן און דאָן וועלן זיי מוזן אויסקלייבן דעם וועג פון יידישער דערציונג, דער אויסגעפּרוווטער וועג פון אונדזער אייביקן נאַציאָנאַלן לעבן.

ס ו ף

אינהאַלט:

פאַר אַלט־נייע התחיבותן	זייט 7
ווארט ער נאָך אויף מיין ענטפער?	" 20
דאָרט און דאָ	" 26
זיי און מיר	" 30
יידישע שולן אוים נויט און ניט לשם מצווה	" 33
אויף יסודות פון ארבעט	" 37
נאָך אַלעמען האָט זיין טאַטע פאַר אים גאָרניט געטון...	" 42
פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי ביז „ד"ר חיים זשיטלאָווסקי"	" 46
ווער און וואָס און וויפל	" 50
„סילוועסטער־אָוונט" און וואָס נאָך?...	" 54
אייגענע בנינים ווייל אַן אייגענעם גייסט	" 59
דווקא איצט	" 63